M. L. Aisenbruch.

M. Wasserman.

אַ יידישע און אוניווערסאַלע האָפענונג". פאָרזיצער:
מ. בורשטין.

10) 20.5.84 — 5־טע לעקציע פון ד"ר ש. כאַלאַווסקי
א.ד.ט.: „שלאָנסקי — דער נעסטאָר פון דער מאָ־
דערנער העברעאישער פאָעזיע". פאָרז.: י. ווינקלער.

11) 23.5.84 — 6־טע לעקציע פון ד"ר ש. כאַלאַווסקי
א.ד.ט.: „יידישקייט און אונדזער קולטור־פאַרגאַנגענ־
הייט". פאָרזיצער: ב. ווייסמאַן.

12) 26.5.84 — פייערלעכער אָוונט אָפּצוצייכענען דעם
70טן געבוירן־טאָג פון דעם פרעזידענט פון „קדימה"
און פאָרזיצער פון דוד הערמאַן־טעאַטער — יאַשאַ
שער. אין אָפיציעלן טייל: באַגריסונגען פון מ. איי־
זענבוד, מ. שמערלינג, ר. זאַבלוד, ד"ר ש. כאַלאַווסקי,
ראָזאַ טורקאָוו, א. סאָקאָלאָוויטש און שריפטלעכע
באַגריסונגען פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס און
פערזענלעכקייטן. אין אַרטיסטישן טייל: די ברידער
סטאַריקאָוו, רבקה זופי, מרים ראָכלין, נעלי שקאָל־
ניקאָוו, סאַשאַ סעמיעצקי און די אייניקלעך פון בעל־
יובל דעבי און דוד. געפירט דעם אָוונט האָט שמחה
וואָלסקי.

13) 27.5.84 — 7־טע לעקציע פון גאַסט־רעדנער ד"ר
ש. כאָלאַווסקי א.ד.ט.: „40 יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין
די געטאָס — אַ היסטאָרישע רעזומירונג". פאָרזי־
צער: אַלעקס דאַפנער.

14) 3.6.84 — פייערלעכער געזעגענונגס־אָוונט פאַר ד"ר
ש. כאָלאַווסקי ביי געדעקטע טישן, צוזאַמען מיטן
8־טן רעפעראַט א.ד.ט.: „דער מאָטיוו: אויף די טייכן
פון פוילן אין מאַנגערס פאָעזיע". אַן איבערבליק
איבער ד"ר ש. כאָלאַווסקיס רעפעראַטן: מ. אייזענבוד;
פאָרזיצער: י. שער.

15) 1.6.84 — רעפעראַט פון ד"ר שלום כאָלאַווסקי אין
יידישן פאָלקס־צענטער אין סידנעי, א.ד.ט.: „ישראל
— אַ ווינקלשטיין פון פראָגרעס אין מיטעלן מזרח".

16) 4.6.84 — ד"ר שלום כאָלאַווסקי אין יידישן פאָלקס־
צענטער, סידנעי.

17) 9.6.84 — אַרויסטריט פון „הזמיר"־כאָר אין סידנעי
אויף דער איינלאַדונג פון פאָלקס־צענטער און „הכוח".

18) 13.6.84 — לעקציע פון ענגליש־יידישן שרייבער
עמאַנועל ליטווינאָוו וועגן סאָוויעטישן יידנטום (אין
ענגליש). פאָרזיצער: אַלעקס דאַפנער.

19) 1.7.84 — פייערלעכער אָוונט צום דערשיינען פון
יעקב ראָזענבערגס בוך לידער „שניי אין פרילינג",
איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט דעם יידישן ביכער־קלוב
און לאָדזשער צענטער. אין אָפיציעלן טייל: ש. בע־
נעט, א. ציקערט, י. ראָזענבערג. אין אַרטיסטישן
טייל: די ברידער סטאַריקאָוו, יאַשאַ שער, פריידל
מראָצקי. פאָרזיצער: י. שער.

20) 29.7.84 — פאַמיליע־אָוונט ביי געדעקטע טישן. אין
אָפיציעלן טייל: ב. ווינער — אַ גרוס פון יידישע
ישובים פון ניו־יאָרק, קאַנאַדע, פאַריז, ישראל א.אַ.
ש. ראָזענקראַנץ — אַן איבערבליק איבער די נאָר־
וואָס פאָרגעקומענע וואַלן אין ישראל. אין קינסטלע־
רישן טייל: ראָזאַ טורקאָוו, יאַשאַ שער, לעוו קאָלטי־
ניוק, קאַטיושאַ גאָלאַק. פאָרזיצער: יאַשאַ שער.

21) 5.8.84 — אָנדענק־אָוונט פאַר פייגעלע מאָקאָטאָוו,
די יונג פאַרשטאָרבענע אַקטריסע און רעזשיסערין.
דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם
יידישן יוגנט־טעאַטער ביי דער „קדימה", צוזאַמען
מיט אַרטיסטן פון דעם אויסטראַלישן טעאַטער מיט
וועלכע פייגעלע האָט מיטגעאַרבעט.

22) 12.8.84 — געדענק־אָוונט לזכרון די אומגעבראַכטע
סאָוויעטיש־יידישע שרייבער. אָנטיילנעמער: ב. ווי־
נער, מ. אייזענבוד, מ. גורעוויטש (רוסיש), די ברי־
דער סטאַריקאָוו, מאַיאַ קאַץ, יאַשאַ שער. פאָרזיצער:
ה. באַכראַך.

23) 26.8.84 — אָוונט, געווידמעט דעם 125טן געבוירן־
טאָג פון שלום עליכם. רעפערענט: אברהם ציקערט
א.ד.ט.: „שלום עליכם אין דער ווירקלעכקייט פון
1984". אין אַרטיסטישן טייל: אַריינפיר — י. וואַר־
שאַווסקי; געזאַנג, רעציטאַציעס און אַ סצענע פון
שלום עליכמס „מעסערל" — די קינדער פון דער
שלום עליכם טאָג־שול. פאָרזיצער: ה. באַכראַך.

24) 16.9.84 — לעקציע פון מנחם קינגסלעי א.דט.: „דער
רמב"ם און זיין פילאָזאָפישער צוגאַנג צו יידישקייט".
פאָרזיצער: מ. אייזענבוד.

25) 23.9.84 — 10־יאָריקע יובל־פייערונג פון ברוך
קאַלושינער אָנדענק־קאָמיטעט אין אַ קאָנצערט פון
ליד און מוזיק מיטן אָנטייל פון כאָרן פון יידישע שולן,
געווינער פון פריערדיקע קאָנקורסן און גאַסט־אַר־
טיסטן, אין „קדימה"־טעאַטער.

26) 14.10.84 — פייערלעכע פרעמיערע פון ז. קאַלמאַ־
נאָוויטשס פאָלקס־קאָמעדיע „דער חשובער גאַסט",
באַאַרבעט פון ראָזאַ און זיגמונט טורקאָוו. רעזשי:
ראָזאַ טורקאָוו. דעקאָראַציעס: א. גורוויטש; בינע־
לייטונג: ל. קאָלטיניוק, מיטן אָנטייל פון מיטגלידער
פון דוד הערמאַן־טעאַטער: א. וויגושין, א. לוסטיג,
ב. לוסטיג, ל. מראָצקי, י. פרעסער, מ. פפאַו, ט. ראָ־
זענבלום, ר. ראָטשטיין, מ. שמערלינג, י. שער און
די גאַסט־רעזשיסערין ראָזאַ טורקאָוו.

27) 21.10.84 — צווייטע פאָרשטעלונג „דער חשובער
גאַסט" אין „קדימה"־טעאַטער.

28) 28.10.84, 3 נ"מ — דריטע פאָרשטעלונג פון „דער
חשובער גאַסט".

29) 28.10.84, 8 אָוונט — 4־טע פאָרשטעלונג פון „דער
חשובער גאַסט.

30) 4.11.84 — 5־טע פאָרשטעלונג פון „דער חשובער
גאַסט".

31) 10.11.84 — 6־טע פאָרשטעלונג פון „דער חשובער
גאַסט".

32) 11.11.84 — פייערלעכער אָפשלוס פון קולטור־סעזאָן
און געזעגענונג מיט ראָזאַ טורקאָוו. אין אָפיציעלן
טייל: ה. באַכראַך, מ. אייזענבוד, י. שער, ראָזאַ טור־
קאָוו. אין אַרטיסטישן פראָגראַם: ראָזאַ טורקאָוו, רחל
בעקער, אידאַ לוסטיג, יאַשאַ שער, מענדל שמערלינג
און די פיאַניסטין מאַניאַ פיין. פאָרזיצער: יאַשאַ שער.

33) 18.11.84, 3 נ"מ — 7־טע און לעצטע פאָרשטעלונג
פון „דער חשובער גאַסט".

34) 18.11.84 — דער פרעמירטער פילם „איובס רע־
וואָלט". פאַרן אָנהויב פון פילם — קאָקטיילס.

35) 25.11.84, פון 10 פרי ביז 4 נ"מ — ביכער־יאַריד.

36) 25.11.84 — דער „הזמיר"־כאָר אין יערלעכן קאָנ־
צערט פון ליד און מוזיק. מוזיקאַלישע לייטונג: די־
ריגענט בנימין סעגאַלאָוו; פיאַנאָ־באַגלייטונג: מרים
ראָכלין; נאַראַטאָר: דאַניעל חר"ג. באַגריסונג אין
נאָמען פון „קדימה": משה אייזענבוד. סאָליסטן: סיל־
וויאַ פאָרטעק, רחל פאָדעמסקי, מאָלי נודעל, באָריס
און סאַשאַ סטאַריקאָוו; גאַסט־מוזיקער: ראָבערט עק־
סעלמאַן (טשעלאָ) און אידאַ ליסעק (פיאַנאָ).

37) 2.12.84 — אַרויסטריט פון „הזמיר"־כאָר אין קאָול־
פילד פאַרק, אין שייכות מיט די 150־יאָריקע פייע־
רונגען פון וויקטאָריע, אין אַ פראָגראַם פון יידישע
און העברעאישע לידער.

38) 31.12.84 — ניי־יאָר באַל, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט
דעם „הזמיר"־כאָר.

די ביבליאָטעק איז אָפן יעדן זונטיק, פון 11 פרי ביז 1 נ.מ.

## שאַך - קלוב

דער שאַך־קלוב איז אָפן צוויי מאָל אַ וואָך: שבת און זונטיק, ווי אויך אין „פּאַבליק האָלידייס". פון 2 נאָך מיטאָג ביז 7 אָוונט.

מיר זענען דער גרעסטער און בעסטער יידישער שאַך־קלוב אין וויקטאָריע. אונדזערע מיטגלידער זענען צווישן די בעסטע שפּילער אין וויקטאָריע. וו. קאַגאַן, גורעוויטש, סאַהאַר וואָלאַיעוו און קאַליש. וואָלאַיעוו איז געקומען דער ערשטער אין פאַרמעסט פון די בעסטע יידישע שאַך־שפּילער; גורעוויטש איז געקומען דער צווייטער. דער שאַך־קלוב ווערט גוט באַזוכט. מיר אונטערהאַנדלען מיטן יידישן שאַך־קלוב אין סידנעי. אויב ס'וועט זיין מעגלעך, וועלן מיר האָבן אַ פאַרמעסט. מעגלעך דורך „טעלעקאַסט".

איך מוז מיט צופרידנהייט מעלדן, אַז אונדזער קלוב שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ. מיר נעמען אָן נייע מיטגלידער. דער אָפּצאָל איז 10 דאָלאַר אַ יאָר פאַר דערוואַקסענע און 7.50 פאַר יוגנטלעכע און פּענסיאָנערן. מען קען זיך פאַרשטענדיקן מיט פר' טאָפּיאָל, טעל.: 528־2395 אין די אַרבעטס־שעהן און 528־2289 — פּריוואַט.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג דעם פריינד ש. וואָלסקי, ללב., ערן־אַדוואָקאַט פון דער „קדימה", פאַר זיין פרייוויליקער און איבערגעגעבענער אַרבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע.

## געשטאָרבענע:

מיט טיפן צער און טרויער פאַרצייכענען מיר דעם טויט פון די פאָלגנדיקע „קדימה"־מיטגלידער אין דעם באַריכט־יאָר:

ד. מראַצקי

פּ. מאַקאָטאָוו — אַרטיסטין און רעזשיסערין פון יידישן יוגנט־טעאַטער.

א. ביאַלעק

ר. האָפמאַן

ב. פּאַטקין — געוו. פּרעזידענט פון „קדימה".

א. הילדעבראַנד

ר. בריליאַנט — געוו. פּרעזידענט פון „קדימה".

י. לערמאַן

י. מורקעס

ה. קורץ

צ. ניסענבאַום

ע. קאַרמאַן

י. זעמעל

מ. שטיינבאַך

ה. ל. אייזענברוך

מ. וואַסערמאַן

נ. פּאָגעל

— די „אויסטראַלישע יידישע נייעס" און „די אויסטראַליען דזשואיש ניוס" פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון „קדימה".

— דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה" פאַר אָפּגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדענען און פאַרשענערן אונדזערע אונטערנעמונגען; ווי אויך די אַלע וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן, אַז אונדזער אַרבעט זאָל זיין פּרוכטבאַרער און אימפּאָזאַנטער.

## קאַלענדאַר פון קולטור־אונטערנעמונגען אין 1984:

1) 4.3.84 — פייערלעכע דערפעפענונג פון חורבן־צענטער מיטן ערן־גאַסט ד"ר יצחק ארד, גענעראַל־דירעקטאָר פון „יד ושם", ירושלים; פאָרשטייער פון דער רעגירונג; פאָרשטייער פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון היגן ישוב. פון דער „קדימה" האָבן גערעדט די פריינד: באַנאַ ווינער, הערשל באַכראַך. מיט געזאַנג איז אַרויסגעטראָטן רבקה זופי. ביי דער פּיאַנאָ: מרים ראָכלין.

2) 11.3.84 — פייערלעכע דערעפענונג פון קולטור־סעזאָן, ביי געדעקטע טישן. אין רעדנער־טייל: באַנאַ ווינער, משה אייזענבוד. אין אַרטיסטישן טייל: סילוויאַ פאָרטעק (געזאַנג); פּיאַנאָ־באַגלייטונג: מרים ראָכלין. יאַשאַ שער האָט געלייענט אַ הומאָרעסקע פון י. הייבלום. פאָרזיצער: יאַשאַ שער.

3) 25.3.84 — קאָלעקטיווע פאָרלעזונג, מיטן אָנטייל פון ד"ר מ. פערשטענדיק, פר' באַנאַ ווינער, פר' ש. ראָזענקראַנץ. פאָרזיצער: ה. באַכראַך.

4) 1.4.84 — די 72טע יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער „קדימה".

5) 28.4.84 — טרויער־אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידישע מאַרטירער, געטאָ־קעמפער, פאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציס און 41טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אָרגאַניזירט דורך דעם ראַט פון יידישע פאָרשטייער אין וויקטאָריע, יידישער קולטור־צענטער און נאַצ. ביבליאָטעק „קדימה", ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע, בני־ברית, פאַרבאַנד פון יידישע קאַצעטלער, פאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפער און אַלע אין ראַט אָנגעשלאָסענע אינסטיטוציעס. רעדנער: ד"ר שלום כאַלאַווסקי פון ישראל (יידיש); פּראָפ. לואיס וואָלער (ענגליש), מיט דער באַטייליקונג פון „הזמיר"־כאָר און שילער פון שלום־עליכם־קאָלעדזש, ביאַליק־שול, י. ל. פּרץ־שול, יבנה־קאָלעדזש, „מאָונט סקאָפּוס" און ישיבה.

6) 2.5.84 — פייערלעכער קבלת־פּנים פאַרן גאַסט־רעדנער ד"ר שלום כאַלאַווסקי פון ישראל; באַגריסונגען: י. שער, ה. באַכראַך. דער גאַסט האָט גערעדט אויף דער טעמע: „מדינת־ישראל — אַ ווינקלשטיין פון פּראָגרעס אין מיטעלן מזרח". פאָרזיצער: י. שער.

7) 9.5.84 — 2־טע לעקציע פון גאַסט־רעדנער שלום כאַלאַווסקי, א.ד.ט.: „משה קולבאַק — אויפן פאָן פון דער טראַגעדיע פון רוסישן יידנטום". פאָרזיצער: ה. באַכראַך.

8) 13.5.84 — 3־טע לעקציע פון ד"ר ש. כאַלאַווסקי א.ד.ט.: „די גייסטיקע ירושה פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום". פאָרזיצער: מ. אייזענבוד.

9) 16.5.84 — 4־טע לעקציע פון גאַסט־רעדנער ד"ר ש. כאַלאַווסקי א.ד.ט.: „די קיבוצישע באַוועגונג —

## „הזמיר"־כאָר

דער כאָר האָט אָנגעהויבן רעפּעטירן דעם 22טן יאַנואַר 1984. דעם 11טן מערץ האָט די סאָליסטין פון כאָר — סילוויאַ פאָרטעק אָנטיילגענומען אין אַ „קדימה"־אונטערנעמונג.

דעם 3טן אַפּריל האָט דער כאָר געזונגען פאַר די ייִדישע קראַנקע פון מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל (עשוווד).

דעם 28טן אַפּריל איז דער כאָר אַרויסגעטראָטן אויף דער אַלגעמיינער געטאָ־אַקאַדעמיע אין מעלבורן שטאָטישן זאַל.

אויף דער איינלאַדונג פון פאָלקס־צענטער און „הכוח"־קלוב אין סידנעי, האָבן 20 מיטגלידער פון כאָר געגעבן אַ קאָנצערט אין „הכוח"־זאַל, וואָס איז געווען אַ דערפאָלגרייכער. דאָס איז געווען דעם 9טן יוני.

דעם 23טן יוני האָט דער כאָר איינגעאָרדנט אַ טאַנץ־אָוונט אין לעאָ פינק־זאַל ביי דער „קדימה".

דער יערלעכער קאָנצערט פון כאָר אין „קלאַסיק"־טעאַטער פון „קדימה" איז אויסגעפאַלן דעם 25טן נאָוועמבער.

דער כאָר, צוזאַמען מיט דער „קדימה", האָבן איינגעאָרדנט אַ ניי־יאָר טאַנץ־אָוונט אין לעאָ פינק־זאַל.

דעם 2טן דעצעמבער איז דער כאָר אַרויסגעטראָטן אין קאולפילד־פאַרק, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פייערונגען פון 150 יאָר זינט דעם אָנהויב פון שטאַט וויקטאָריע.

די טעטיקייט פון כאָר האָט זיך פאַרענדיקט פאַרן יאָר מיט דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דעם 11טן דעצעמבער. גלייכצייטיק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פאַרווײַלונג פאַר די כאָריסטן און זייערע משפחות.

דעם 18טן דעצעמבער האָט דער כאָר געזונגען פאַר די אַלטע לייט אין די מאָנטעפיאָרע היימען, וווּ ס'איז פאָרגעקומען אַ חנוכה־פייערונג.

## דער ייִדישער חורבן־צענטער

דער ייִדישער חורבן־צענטער, פון וועלכן די „קדימה" איז אַ גלייכער שותף, צוזאַמען מיטן פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן, איז פייערלעך געעפנט געוואָרן דעם 4טן מערץ 1984.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אויפן הויף פון דער „קדימה" מיטן אָנטייל פון אַ גרויסן עולם פון 1500 מענטשן. עס איז געקומען, אויף דער איינלאַדונג פון חורבן־צענטער דער דירעקטאָר פון „יד־ושם" אין ירושלים, גענעראַל יצחק אַראַד, און פון קאַנבעראַ — דער ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר יששכר בן־יעקב. עס זענען אויך געקומען די אָפיציעלע פאָרשטייער פון די ייִדישע רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס אין מעלבורן און זיי האָבן אָנטייל גענומען אין די באַגריסונגען.

עס איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע פייערונג וועלכע האָט געלאָזט אַ טיפן רושם אין שטאָט. דאָס האָט זיך גלייך געלאָזט פילן אין דער באַציאונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו דער ניי־אַנטשטאַנענער אינסטיטוציע און דער ייִדישער עולם האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דעם אַפּיל פון חורבן־צענטער נאָך אונטערשטיצונג.

דער צענטער אַנטוויקלט זיך גאַנץ צופרידנשטעלנדיק. ער ווערט באַזוכט פון אַ גרויסער צאָל אויסטראַלישע שולקינדער (ביז איצט איז זייער צאָל געווען פופציק שולגרופּן). די לערער ברענגען אַהער די קינדער ווי אַ טייל פון זייער פּראָגראַם פון לערנען מאָדערנע געשיכטע. צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן ווערן די קינדער באַקאַנט מיט דעם ייִדן־פּראָבלעם און זייער טראַגישער גורל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז אַ הויך נוצלעכע אַרבעט, פון וועלכער די „קדימה" קען שטאָלץ זײַן, ווייל זי האָט צוגעלייגט איר מי און אָנזען כדי אויפצושטעלן אָט די נייע ייִדישע אינסטיטוציע אין אונדזער שטאָט.

מצד דער „קדימה" זענען אין דער אָנפירונג פון חורבן־צענטער אַקטיוו די פאָלגנדיקע פריינד: באָנאָ ווינער (קאָ־פּרעזידענט), יאַשאַ שער (קאָ־וויצע־פּאָרזיצער), הערשל באַכראַך (קאָ־קאַסיר), משה אייזענבוד (קאָ־סעקרעטאַר), פאַרטרעטער פון באָנאָ ווינער: יאָסל ווינקלער.

## ייִדישער ראַדיאָ

די ייִדישע אוידיציעס אויף דער עטנישער ראַדיאָ־סטאַציע (כוואַליע 1224) האָט זיך שוין איינגעבירגערט ביי אונדז אין שטאָט און איז געוואָרן איינע פון די אַקטיווסטע און פּאָפּולערסטע אינסטיטוציעס אין מעלבורן.

די ייִדישע ראַדיאָ־אוידיציעס ווערן געהערט:

זונטיק, 10.30 ביז 11 פרי — מוזיק, קאָמענטאַרן און הומאָר.

מאָנטיק, 5.30 ביז 6 אָוונט — יוגנט־פּראָגראַם — ייִדישע לידער און אינפאָרמאַציעס.

מיטוואָך, 11 ביז 11.30 פרי — פּראָגראַמען פאַר ייִדישע שולן און קינדערגערטנער.

פרייטיק, 4.30 ביז 5 נ"מ — פּאָליטישע און קולטור־נייעס, אינטערוויוען און מוזיק.

כאָטש דער ייִדישער ראַדיאָ איז אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע, ווערט זי אָבער אָנגעפירט דורך „קדימה"־מענטשן און ס'איז ווערט דאָ צו דערמאָנען, אַז די „קדימה" איז עס געווען די, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אויסצופועלן אַ ייִדישע ראַדיאָ־אוידיציע.

עס וואָלט געווען געווונטשן, אַז די צוהערער זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אוידיציעס, דורך אויסדריקן זייערע ווונטשן און פאַרלאַנגען וועגן אופן, ווי אַזוי די פּראָגראַמען זאָלן צוזאַמענגעשטעלט און געפירט ווערן.

## די ביבליאָטעק

אין יאָר 1984 האָט די „קדימה"־ביבליאָטעק פאָרגעזעצט איר נאָרמאַלע אַרבעט. עס זענען איינגעקויפט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל ייִדישע ביכער, וועלכע זענען לעצטנס דערשינען, און געוויסע ענגלישע ביכער אויף ייִדישע טעמעס. אַ חוץ דעם זענען צוגעקומען ביכער, וועלכע זענען געשאָנקען געוואָרן דער ביבליאָטעק. וועכנטלעך קומען אָן ייִדישע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבן, סיי היגע און סיי אויסלענדישע, וועלכע אַלע קענען קומען לייענען.

די צאָל לייענער פון דער ביבליאָטעק איז אומגעפער די זעלבע ווי אין פריערדיקן יאָר. דער טויט האָט אַוועקגעריסן עטלעכע לייענער און עטלעכע יונגע לייענער זענען צוגעקומען.

די רייכע ייִדישע אָפּטיילונג ווערט באַזוכט דורך לייענער פון עלטערן דור; די פּראָפּאָרציאָנעל־איינגעשטעלטע ענגלישע אָפּטיילונג — מערסטנס דורך לייענער פון יונגערן דור. די עלטערע לייענער, מערסטנס פענסיאָנערן, האָבן אַ סך פרייע צייט און כדי נישט צו דאַרפן קומען יעדע וואָך טוישן אַ ביכל, וואָס קומט אָן שווער פאַר אַ סך — נעמען זיי מערערע ביכער מיטאַמאָל און ברענגען זיי צוריק צו פיר וואָכן — דעם מאַקסימום טערמין צו האַלטן אַ בוך.

מיטגלידער פון „קדימה" באַקומען ביכער אויסגעבאָרגט אומזיסט; נישט־מיטגלידער צאָלן אַ קליינעם אָפּצאָל.

## „מעלבורנער בלעטער“

אין חודש דעצעמבער 1984 האָט דער זשורנאַל אָפּגעצייכנט 9 יאָר פון זיין עקזיסטענץ. אין משך פון באַריכט־יאָר זענען דערשינען 5 נומערן. אין אַלגעמיין זענען ביז איצט דערשינען 44 נומערן.

דער זשורנאַל איז אַ צוויי־שפּראַכיקער (יידיש־ענגליש) און באַהאַנדלט ליטעראַרישע, געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ער גיט אויך אַ מעגלעכקייט פאַר פּאָעטן, בעלעטריסטן און עסייאיסטן צו פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען — אין יידיש אָדער ענגליש.

די רעדאַקציע איז היי־יאָר באַשטאַנען פון: מ. אייזענבוד, ה. באַכראַך און י. מ. לעווין.

אַדמיניסטראַציע: ל. וואַלד, י. ווינקלער און ח. בינשטאָק.

אין די 5 נומערן (פונעם באַריכט־יאָר) זענען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען און עסייען פון: מ. אייזענבוד, ד״ר מ. פערשטענדיק, הערשל באַכראַך, י. קאַפּע, מגר. בן־ציון פעלדשוה, ד״ר עזריאל נאַקס ל. אָלשינאַ, דאָרע שטראַוך, י. מ. לעווין, ש. בענעט, זאַמי פּעדער, ב. פורמאַנסקי, שלום לאָקער, יוליאַן טובים, מלך ראַדזינער, ד״ר ש. כאָלאַווסקי, יאַשאַ שער, דאָבקע אַפּעלאָוויטש, יעקב ראָזענבערג, מאַרק בעזובני, נ. אַרטענשטיין, יהודית וואַרשאַווסקי, יאָני פיין.

רעדאַקטאָרשע פון דער ענגלישער אָפּטיילונג איז די שרייבערין איוואָן פיין.

## דער דוד הערמאַן־טעאַטער

מיט אַ לייכטער האַנט און גרינגן געמיט גיבן מיר איבער דעם באַריכט פון דוד הערמאַן־טעאַטער פאַרן סעזאָן 1984, ווייל דאָס איז געווען איינער פון די געלונגסטע, פאַר די לעצטע יאָרן.

די גאַסט אַרטיסטין־רעזשיסערין ראָזאַ טורקאָוו, האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן דוד הערמאַן־טעאַטער אין 1982, ווען זי האָט אויפגעפירט חנוך בר־טובס ישראל־קאָמעדיע „קום אַהיים מיין זון“. שוין דעמאָלט האָט זי אַרויסגעוויזן איר פאַרשטענדעניש פאַר דער בינע און פיינעם צוגאַנג צו אַרבעטן מיטן טעאַטער־קרייז. די פאָרשטעלונג האָט שטאַרק אויסגענומען.

אין 1983 איז זי ווידער פאַרבעטן געוואָרן אויפצופירן יוסף לאַפּידס קאָמעדיע „נחת פון קינדער“, וואָס האָט אויך איבערגעלאָזט אַ גוטן רושם אין שטאָט.

אַלע דערוואַרטונגען האָט אַריבערגעשטיגן ראָזאַ טורקאָווס לעצטע אויפפירונג פון ז. קאַלמאַנאָוויטשס פאָלקס־קאָמעדיע „דער חשובער גאַסט“, אין זיגמונט און ראָזאַ טורקאָווס מאָדערניזירטער באַאַרבעטונג. די פּיעסע איז געגאַנגען 7 מאָל, ביי פול געפּאַקטע הייזער און וואָלט נאָך ווייטער געקאָנט געשפּילט ווערן, נאָר ראָזאַס וויזע האָט זיך פאַרענדיקט און זי איז געווען געצווונגען זיך צוריקקערן אַהיים.

די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג ביי די רעגולערע טעאַטער־באַזוכער, האָט אַריינגעצויגן אַ פרישן עולם און וואָס ס׳איז וויכטיק אונטערצושטרייכן — מען האָט געזען אַ סך יוגנט אין זאַל.

די אָנפירונג פון דוד הערמאַן־טעאַטער האָט באַשלאָסן ווידער צו אַנגאַזשירן ראָזאַ טורקאָוו אויף אַ ווייטערדיקן סעזאָן און מיר זענען איבערצייגט, אַז די אויפלעבונג פון היגן יידישן טעאַטער וועט ווייטער אָנגיין.

פאַר דער צייט פון ראָזאַס אויפהאַלט, איז זי צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פון טעאַטער אויפגעטראָטן אויף פאַרשידענע „קדימה“־אונטערנעמונגען, אין דינסטיק־קלוב א.אַ.וו.

דער קאָמיטעט האָט במשך פונעם יאָר אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע ריי זיצונגען און איינגעאָרדנט עטלעכע פאַמיליע־אָוונטן פאַרן גאַנצן קרייז.

דער דוד הערמאַן־טעאַטער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט אַן אָנגעזעענער סומע פאַרן חורבן־צענטער.

דער קאָמיטעט פון דוד הערמאַן־טעאַטער באַשטייט פון די פאָלגנדיקע חברים: רחל לעוויטאַ, לאה צוקער, מיראַ פּפאַו, פאָלאַ באָלטמאַן, מאיר צעפּראָוו, אברהם וויגושין, מענדל שמערלינג, לעוו קאָלטיניוק און יאַשאַ שער.

## יוגנט און קינדער־טעאַטער

אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע גרופּירן זיך אַרום 50 יונגע מענטשן — אין עלטער פון 11 יאָר ביז די מיטעלע דרייסיקער. די דאָזיקע גרופּע טרעפט זיך שוין איבער אַ יאָר און פאַרנעמט זיך מיט רעפּעטירן און צוגרייטן יידיש טעאַטער.

דאָס וואָ.ט אפשר נישט געווען איבערראַשנדיק אין אַ שטאָט מיט אַ מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג. דער פאַקט אָבער, אַז דאָס געשעט אין מעלבורן, אין דער סביבה פון „קדימה“ — איז ווערט מען זאָל אים אַרויסהויבן.

נאָך דער דערפאָלגרייכער פאָרשטעלונג: „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק“ אין 1983, האָט די טעאַטער־גרופּע זיך באַמיט צו באַקומען פּיעסן אויף היינטצייטיקע טעמעס, ווי אויך צו אַנטוויקלען איר אייגענעם וועג — דורך אַרבעטס־פּראָגראַמען און באַגעגענישן מיט היגע שרייבער.

צווישן זיי איז דאָ דאָבע אַפּעלאָוויטש, וועמעס איבערזעצונגען אין יידיש פון די פּיעסן: „דער פּרייז“ און „טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק“ זענען אויפגעפירט געוואָרן פון יוגנט־טעאַטער.

דער יוגנט־טעאַטער אַרבעט אויף דער לעצטער איבערזעצונג, די קאָמעדיע „די שטערן פון בראָדוויי“. די פּרעמיערע איז פאַראויסגעזען אויפן חודש מערץ 1985.

דער וויכטיקסטער אויפטו אין 1984 איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַ יידישע קינדער־טעאַטער־גרופּע דורך די מיטגלידער פון יוגנט־טעאַטער שפרה גאָמאָלינסקי־בורשטין און אַלעקס דאַפּנער.

איר ערשטן אַרויסטריט האָט די גרופּע געהאַט אויף דער צענטראַלער געטאָ־אַקאַדעמיע, אָרגאַניזירט דורך דער יוגנט.

די גרופּע גרייט צו אַ מוזיקאַלישע אויפפירונג, באַזירט אויף אַ היסטאָרישער אויסטראַליש־יידישער טעמע. די דאָזיקע פאָרשטעלונג וועט אויפגעפירט ווערן אין יוגנט־פּראָגראַמען, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פייערונגען פון 150 יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פון וויקטאָריע. די פייערונגען וועלן פאָרקומען אין יאָר 1985.

אַ סך מי און אָנשטרענגונג האָט דער יוגנט־טעאַטער געווידמעט דאָס צוגרייטן דעם אָנדענק־אָוונט פאַר פּיי מאָקאָטאָוו, וועלכע איז געווען איינע פון די גרינדער פון יוגנט־טעאַטער. דער פייערלעכער אָוונט איז פאָרגעקומען אין „קדימה“־טעאַטער דעם 5טן אויגוסט 1984.

דער אָוונט — אין יידיש און ענגליש — איז דורכגעפירט געוואָרן אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט פּראָמינענטע אויסטראַלישע אַרטיסטן און נאָענטע מיטאַרבעטער פון פּיי מאָקאָטאָוו.

מיטגלידער פון יוגנט־טעאַטער האָבן אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע קולטור־אָוונטן אין „קדימה“.

מיטגלידער פון יוגנט־טעאַטער פירן אָן און פירן אויס די וועכנטלעכע יוגנט־פּראָגראַם פון דער ראַדיאָ־סטאַציע 3 איעי.

# יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק

# „קדימה"

געגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער 1911.

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק
7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק

---

## 73־טער טעטיקייטס־באַריכט

## אַמטן אין יאָר 1984:

מר. י. שער — פרעזידענט
מר. י. אַפּעלאָוויטש — וויצע־פּרעזידענט
מר. ב. ווייסמאַן — וויצע־פּרעזידענט
מר. מ. אייזענבוד — ערן־סעקרעטאַר
מר. י. ווינקלער — ערן־קאַסיר
מרס. ה. ראָזענבאַום — געהילף פון ערן־קאַסיר
מר. ה. באַכראַך — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע
מר. מ. אייזענבוד — פאָרזיצער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע „מעלבורנער בלעטער"
מר. ב. ווינער — פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע
מר. מ. בורשטין — וויצע־פאָרזיצער פון דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע
מרס. ר. בוטלינסקאַ — פאָרזיצערין פון דער ווירטשאַפטס־קאָמיסיע
מר. אַ. דאַפנער — פאָרזיצער פון יוגנט־אַקטיוויטעטן
מר. ח. בראַון — פאָרזיצער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע
מר. מ. טאָפּיאָל — פאָרזיצער פון שאַך־קלוב
מר. ל. וואַלד — אַדמיניסטראַציע פון „מעלבורנער בלעטער".

מר. ח. בינשטאָק
מרס. ל. גאָטליב
מר. ל. קאָלטיניוק
מרס. ר. לעוויטאַ
מר. ה. נוסבאַום
מר. מ. ראַבינאָוויטש
מר. ח. שולקלאַפּער

סעקרעטאַרין — מרס. י. וואַרשאַווסקי
ערן־אַדוואָקאַט — מר. ש. וואָלסקי, ל.ל.ב.
אויידיטאָר — מר. שמחה בורשטין
ביבליאָטעקאַר — מר. ג. וואַרשאַווסקי

## באַריכט פון 73טן טעטיקייטס־יאָר

דאָס יאָר 1984 איז אין ליכט פון דער יידישער ווירקלעכקייט געווען אַ יאָר אָן שפּאַנענדיקע מאָמענטן און געשעענישן.

דאָס וויכטיקסטע געשעעניש איז בלי ספק געווען דער רעזולטאַט פון די וואַלן צו דער כנסת, וועלכע האָבן נישט געגעבן קיין שום פאַרטיי די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ רעגירונג מיט אַן אויסגעשפּראָכענער פאַרטיי־פּאָליטיק.

אין רעזולטאַט פון די וואַלן איז געשאַפן געוואָרן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער איינהייט. די רעגירונג שטייט פאַר שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע פּראָבלעמען ווי די עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד און די פּאָליטישע געשעענישן אויסערן לאַנד.

אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע האָבן יידישע פּראָבלעמען נישט געהאַט קיין באַזונדערן אָפּקלאַנג — אויסער דער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן — וועלכע פאַרערגערט זיך פון טאָג צו טאָג מיטן וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם.

די „קדימה"־טעטיקייט האָט זיך דער עיקר אויסגעדריקט אויפן געביט פון לעקציעס.

מיר האָבן געהאַט אַלס גאַסט־רעדנער ד"ר שלום כאַלאַווסקי פון ישראל, ווי אויך אַ ריי לאָקאַלע רעדנער.

אַ וויכטיקן אָרט אין דער טעטיקייט האָט אויסגעפילט דער דוד הערמאַן־טעאַטער מיט דער פאָרשטעלונג „דער חשובער גאַסט", אונטער דער רעזשי פון ראָזאַ טורקאָוו.

די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז געשפּילט געוואָרן 7 מאָל.

דער יוגנט־טעאַטער האָט דורכגעפירט אַן איינדרוקספולן אָנדענק־אָוונט פאַר דער פאַרשטאָרבענער רעזשיסאָרשע און אַרטיסטקע פייגעלע מאָקאָטאָוו, צוזאַמען מיט אַ ריי ענגלישע אַרטיסטן פון טעאַטער־אַנסאַמבלען, ווו פּיי מאָקאָטאָוו איז געווען אַקטיוו.

דער „הזמיר"־כאָר, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער „קדימה", האָט ווי תמיד, געהאַט אַ יאָר פון אינטענסיווער טעטיקייט.

שטאַרק צעוואַקסן האָט זיך דער שאַך־קלוב, און ער פאַרנעמט ביים היינטיקן טאָג אַן אָנגעזעען אָרט צווישן די שאַך־קלובן אין וויקטאָריע.

די „קדימה" פירט אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט מיטן חורבן מוזעאום, פון וועלכן מיר זענען אַן אינטעגראַלער טייל.

אין „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" זענען אונדזערע פאַרשטייער געווען: משה ראַבינאָוויטש, איצל אַפּעלאָוויטש, חיים שולקלאַפּער. פרוי ל. גאָטליב רעפּרעזענטירט די „קדימה" אין דער ירושה־קאָמיסיע און אין דער דערציִונגס־קאָמיסיע.

קרובישע יידישע אינסטיטוציעס, ווי דער שלום־עליכם קאָלעדזש, (טאָג־שול, זונטיק־שול, קינדערגערטנער); דער „שלום"־קלוב פון די רוסישע יידן; דער דינסטיק־קלוב פון פּענסיאָנערן; דער קאַלושינער קאָנקורס פון יידישן און העברעאישן ליד — באַנוצן זיך מיט די זאַלן פון דער „קדימה" — פריי פון אָפּצאָל.

אַ סך אויפמערקזאַמקייט ווידמעט דער „קדימה"־קאָמיטעט דער ביבליאָטעק און לייען־זאַל. מיר קויפן איין די נייעסטע יידישע ביכער, ווי אויך די בעסטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי אויך ענגלישע זשורנאַלן — אַרויסגעגעבן פון יידישע אינסטיטוציעס פאַר אונדזער לייען־זאַל.

די „קדימה" פירט אויך דורך יאָר־יערלעך אַ דערפאָלגרייכן ביכער־יאַריד און באַמיט זיך אויסברייטערן דעם קרייז פון יידיש־לייענער.

עס מער נישט הערן פון אייך" — און ער איז אַוועק אין אַ זייט און אַנדערע מיט אים.

(סאַליאַ מייעראַוויטש איז אין ארץ־ישראל צוגעשטאַנען צו די רעוויזיאַניסטן; ער האָט געענדערט זיין נאָמען אויף שלמה מוריאל און האָט אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן נאָך פאַרן אַנטשטיין פון דער מדינה).

במשך דריי וואָכן פון דער ים־רייזע האָט די שיף זיך אָפגעשטעלט אין קאָנסטאַנצא אין רומעניע. דאָרטן האָבן אונדז באַזוכט פאָרשטייער פון די דאָרטיקע קהילות און זיך נאָכגעפרעגט ווי עס גייט אונדז. מיר האָבן זיך אויך געטראָפן מיט די באַאַמטע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן זיך אויך פאַרהאַלטן אין טריפּאָלי, אַ פּאָרט־שטאָט אין לבנון, ביז וואַנען מיר האָבן דערזען די ברעגעס פון ארץ־ישראל. די אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן און מיר האָבן געוואָלט אריינשפּרינגען אין ים און צושווימען צום ברעג, ווייל אַזעלכע שיפן האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן דעם פּאָרט־שטייער.

נאָך פיל שעהן זענען מיר אָנגעקומען צו די ברעגעס פון יפו. ענגלישע באַאַמטע און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זענען אַרויפגעקומען אויפן דעק. די ערשטע, כדי צו רעווידירן אונדזערע פּאַפּירן, און די אַנדערע כדי אונדז צו אינסטרואירן וועגן די ערשטע טעג פון אונדזער לעבן אין ארץ־ישראל.

„די לעצטע סטאַציע אייערע אין לאַנד וועט זיין נס־ציונה. דאָרט איז אַנטשטאַנען אַ חבורה „הדרום" כדי צוצוגרייטן חלוצים פאַר א ניי לעבן אין ארץ־ישראל; אַ לעבן פון אַרבעט אין פעלד, אין פּרדס, ביי בוי־אַרבעטן, שאָסייען אד"ג. צו לערנען עברית און דאָס צוגעוויינען זיך צו דער אָרטיקער סביבה".

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאַפּיטל ביי יעדן איינעם פון אונדז, אַ חוץ אייניקע וועלכע האָבן באַשלאָסן צוריק צו פאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַר זיי האָט זיך דער נייער קאַפּיטל אין זייער לעבן נישט אָנגעהויבן, אָבער אַפילו דער אַלטער קאַפּיטל האָט נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. ווי נאָר זיי זענען אַראָפּ פון דער שיף וועלכע האָט זיי צוריקגעפירט קיין אָדעס, זענען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער „טשעקאַ" און זענען פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

פון העברעאישן אָריגינאַל: **הערשל באַכראַך**

טייערע געניע, חיהלע, איזאַק,
הערשל און לייבל,

מיר נעמען אָנטייל אינעם צער צוליבן טויט
פון אייער און אונדזער חבר

# משה וואַסערמאַן

**דאָבקע און מאָטל**
**אַפּעלאָוויטש**


דערפאָלג און ווייטערדיקע טעטיקייט
פאַרן וווּל פון דער יידישער קולטור

**הדסה און שמעון ראָזענבוים**

# Haross Press

COMMERCIAL & COLOUR PRINTERS

אייגנטימער: **הדסה און שמעון ראָזענבוים**

**232-234 High Street, Northcote**
**Victoria. 3070**


מיר דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל
דער חברטע

**געניע וואַסערמאַן**

**חיהלען און איר משפחה**

צוליבן טויט פון דעם חבר

# משה וואַסערמאַן

מיר זענען מיט אייך, אין אייער טרויער

**יידל קאַרמאַן,**
**חנה און משה מראַצקי**

און ספּעציעל פֿון דעם טעקסטיל־אינסטיטוט. איך האָב געענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגן און לסוף צוגעגעבן:

— אויב דו ווייסט, אַז מ׳האָט מיך באַזייטיקט פֿון אוניווערסיטעט, ווייסטו דאָך מסתמא מיינע חטאים?

— דאָ שטייט געשריבן — זאָגט דער קאָמיסאַר — אַז דו ווערסט באַשולדיקט אין אַ שווערן חטא; ס׳איז געשריבן אַז מען רופֿט דיך אַ בריטישער אימפּעריאַליסט.

— איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַפֿילו איין ענגלענדער ביז וואַנען איך בין נישט געקומען אין ענגלישן קאָנסולאַט אָפּצונעמען מיין סערטיפֿיקאַט קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אַלץ וואָס איך קען זאָגן.

— און וואָס וועסטו טאָן אין פּאַלעסטינע? — האָט ער ווייטער געפֿרעגט.

— איך וועל פֿאָרזעצן מיינע לימודים — האָב איך געענטפֿערט.

— דו האָסט דאָך נישט גענוג אויף צו לעבן און דערצו נאָך צו צאָלן שכר־לימוד; דאָרט איז דאָך נישט ווי אין סאָוויעט־רוסלאַנד; דאָרטן דאַרף מען באַצאָלן פֿאַר יעדער קלייניקייט. וויפֿיל געלט האָסטו? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך האָב נישט קיין סך געלט, אפֿשר מער ווי צען רובל; אין ארץ־ישראל האָב איך קרובים און זיי וועלן מיר העלפֿן.

— און וויפֿיל ענגלישע פֿונטן האָסטו? — פֿרעגט ער ווייטער.

— איך האָב בכלל נישט קיין פֿרעמדע וואַליוטע. אַפֿילו ווען כ׳וואָלט געהאַט געלט, ווייס איך נישט וווּ מען קען עס קריגן.

— אַלע זאָגט איר אַזוי; דו ווייסט אַז ביי אונדז זענען פֿאַראַן פֿיל יתומים, זעלנער וועלכע האָבן געקעמפֿט קעגן די ווייסע גענעראַלן בעתן בירגער־קריג און אונדזער פֿליכט איז זיי צו העלפֿן.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שטול, צוגעקומען צו מיר און געקוקט אויף מיינע שיך:

— איך זע, אַז דו טראָגסט נייע שיך; טו זיי אויס, איך וויל זען זייער קוואַליטעט.

איך האָב אויסגעטאָן די שיך און דער קאָמיסאַר האָט גוט אַריינגעקוקט אין זיי, זאָגנדיק: דו טראָגסט אויך שיינע זאָקן, וועסט אַראָפּנעמען נאָר איין זאָק...

איך האָב פֿאַרשטאַנען אַז ער וויל געלט. איך האָב נאָר געהאַט דעם טשערוואָניעץ (צען רובל) און ער האָט מיר דאַן געזאָגט:

— גוט, גיב מיר דעם טשערוואָניעץ און נישט מער; איך וועל עס געבן פֿאַר אַ יתומים־אַנשטאַלט אין דיין נאָמען.

— דאָס געלט האָט ער אַריינגעלייגט אין שופֿלאָד, געהייסן מיר אונטערשרייבן דאָס דערהאַלטן די דאָקומענטן און האָט צוגעגעבן:

— אויב דו וועסט דערציילן וואָס מיר האָבן גערעדט, וועל איך דיך אַרעסטירן און צוריקשיקן קיין מאָסקווע ווי אַ שונא פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעגירונג.

ווען איך בין אַרויס פֿון בנין, אויפֿן וועג צו דער שיף, האָב איך געזאָגט צו די וואָס זענען נאָך געשטאַנען אין דער ריי, אַז דער קאָמיסאַר שטרעבט אַרויסצוציִען דאָס געלט און ער וועט נעמען יעדן טייערן חפֿץ וואָס ער וועט נאָר געפֿינען. אַלע האָבן שוין אָבער געוווּסט וואָס עס געשעט אינעווייניק אין קאָמיסאַרס קאַנצעלאַריע, און האָבן אויסבאַהאַלטן וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. דער קאָמיסאַר האָט געהייסן אויסטאָן די שיך, אָבער ווען אַפֿילו ער וואָלט געזוכט אין מיינע הויזן, וואָלט ער געפֿונען אַן ענגלישן באַנקנאָט פֿון צען פֿונט, וואָס איך האָב געקראָגן פֿון מיין אָנקל יצחק גרינפֿעלד פֿון קאַלוגאַ. ביי אים האָב איך געוואוינט ווען איך בין געגאַנגען דאָרטן אין גימנאַזיע אין די יאָרן 1913 ־ 1917. פֿון וואַנען ער האָט גענומען דאָס ענגלישע געלט, האָב איך נישט געוווּסט, אָבער פֿאַר מיר זענען די צען פֿונט געווען אַ הילף וואָס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן.

★

עס איז אַדורך אַ טאָג און אַ נאַכט און מיר האָבן זיך געפֿונען אויף אונדזער שיף אין מיטן שוואַרצן ים, ווייט פֿון דער יבשה. דער גרויער ים פֿון אונטן און דער העלבלויער הימל פֿון אויבן. אונדזער גרופּע פֿון 35 ייִנגלעך און מיידלעך איז געפֿאָרן אין דריטן קלאַס (קיין פֿערטער איז נישט געווען), און דער פּראָפֿעסאָר מיט זיין טאָכטער און נאָך אַ צוויי־דריי מענטשן, וועלכע זענען צוגעקומען אין אָדעס, זענען געווען אין צווייטן קלאַס.

אין די ערשטע טעג איז אַלץ געווען פֿאַר אונדז ניי. מיר האָבן דורכשפּאַצירט די שיף אין דער לענג און דער ברייט. מיר האָבן געהאַט ביכער צום לייענען און העברעאישע לערן־ביכער, אָבער ס׳איז נישט געווען קיין געדולד דערצו. מיר האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פֿיזישע איבונגען. ווי אַ מיטגליד פֿון „מכבי״ איז רוסלאַנד במשך זעקס יאָר האָט זיך מיר איינגעגעבן צו גרינדן אַ „מכבי״־קרייז אין מיטן שוואַרצן ים, אויף אַן איטאַליענישער שיף.

איין טאָג זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן קריגס־שיפֿן אין דער ריכטונג פֿון אָדעס.

עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס זענען אַמעריקאַנער קריגס־שיפֿן וואָס זענען געקומען קעמפֿן קעגן דער רעוואָלוציע.

צווישן אונדז האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך געצויגן טעג און נעכט.

טייל האָבן פֿאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן תיכף צוריקפֿאָרן, ווייל די רעוואָלוציע שטייט אין געפֿאַר, און אונדזער חוב איז צו פֿאַרטיידיקן זי קעגן די „אינטערווענטן״.

איך האָב זיך דאַן אָנגערופֿן: „וואָס איז דאָס, נאָר וואָס האָבן מיר געקעמפֿט כדי זיך אַרויסצוקריגן פֿון סאָוויעטישן גיהנום, כדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און פּלוצלונג האָבן זיך שוין דערוועקט ביי איך סימפּאַטיע פֿאַר די אונטערדריקער פֿון ציוניזם און מענטשלעכער פֿרייהייט״.

„ווער עס וויל — האָט זיך אָנגערופֿן סאָליאַ מייעראָוויטש — וועט שטענדיק קענען זיך אומקערן קיין בוטירקי אָדער אין אַן אַנדערער סאָוויעטישער תּפֿיסה; איך וויל

אַפילו ווען איר וועט אוועקפאָרן מיט דער כוונה נישט אומצוקערן זיך, וועט איר נישט קענען ביישטיין דעם נסיון און וועט צוריקקומען קיין רוסלאַנד, ווייל זי איז די צווייטע מוטער אייערע...

(ווי באַוווּסט, איז דוד בערגעלסאָן, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע יידישע שרייבער, אין יאָר 1952, אומגעבראַכט געוואָרן דורך סטאַלינען, אָבער דער „הבימה"־טעאַטער האָט פאַרלאָזן סאָוויעט־רוסלאַנד אין יאָר 1926, און נאָך דערפאָלגרייכע אויפטריטן אין אַמעריקע און אייראָפּע, אין די יאָרן 1926 ־ 1928, איז ער אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל דאָרט צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק).

איך האָב מיך צעשיידט מיט צבי פרידלאַנד. עס איז געווען אַ שווערע צעשיידונג, אָבער מיט פיר יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אין ארץ־ישראל.

★

פאַרן פאַרלאָזן מאָסקווע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אָדעס וועל איך טרעפן אַ ציוניסטישע גרופּע פון מינסק, אַזעלכע יונגע ווי איך, וועלכע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין זייער געבורטס־שטאָט און מ'האָט זיי באַפרייט מיטן תנאי אַז זיי וועלן אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין אָדעס, האָב איך געלאָזט מיינע זאַכן אין באַגאַזש־צימער און בין אַוועק אין דעם האָטעל ווו עס האָבן געזאָלט איינשטיין די מינסקער ציוניסטן. איך האָב נישט דערקענט די שטאָט, אָבער סוף כל סוף האָב איך נאָך פון דער ווייטנס געזען מיין פריינד סאָליאַ מייעראָוויטש פון מאָסקווע, וועלכער איז געפאָרן קיין מינסק אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער שליחות און איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער מינסקער גרופּע. אָנקומענדיק אין האָטעל, האָט סאָליאַ מיך פאָרגעשטעלט פאַר די מינסקער און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן זיך געפילט היימיש, ווי מיר וואָלטן שוין פון לאַנג געווען פריינד.

ווען איך האָב מיך איבערצייגט, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, האָב איך גענומען אַ בריטשקע און געהייסן מיך צוריקפירן אין דעם האָטעל. דער בעל־עגלה האָט גענומען שמייכלען און מיך געפרעגט: „דו פאָרסט אויך קיין פאַלעסטינע?". ווען איך האָב עס באַשטעטיקט האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך בין שוין דער פערטער וועלכער קומט אָן אין דעם האָטעל אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון מיר באַצאָלט פאַר דער רייזע און האָט מיר געזאָגט אין יידיש: „ווייניק מענטשן פאָרן אַצינד קיין ארץ־ישראל און איך נעם נישט פון זיי קיין באַצאָלט; דאָס איז מיין קליינע הילף וואָס איך קען געבן. אויך מיין זון איז אַהין געפאָרן מיט צוויי חדשים צוריק און בויט שוין דאָרט שאָסייען. פאָרט אויך און זייט מצליח, אפשר וועט איר שפּעטער אים העלפן"...

אַן אָנגענעמע באַגעגעניש האָב איך געהאַט אַריינגייענדיק אין האָטעל אַריין: איך האָב זיך אָנגעטראָפן פנים אל פנים מיט פּראָפ. צבי באַלקאָווסקי און זיין טאָכטער. איך האָב אים געהאַט באַקענט מיט איניקע יאָרן צוריק בעת איך בין געווען אין אַ שטודיר־קרייז צו לערנען די ציוניסטישע אידיי. דער פּראָפעסאָר איז געווען איינער פון די פּרעלעגענטן און ער האָט מיר געהאָלפן רעדאַגירן און דרוקן א ביולעטין געווידמעט ציוניסטישע פראַגן.

פּראָפ. באַלקאָווסקי האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין באַקוקן צום לעצטן מאָל זיין געבורטס־שטאָט אָדעס, ווו ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1865, די שטאָט ווו עס האָבן געלעבט און געשאַפן די עליטע פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור: די שטאָט פון ביאַליק, מענדעלע מוכר ספרים, ש. בן־ציון, יהושע ראַווניצקי, אחד־העם, משה לייב ליליענבלום, מנחם אוסישקין, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און פיל אַנדערע.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, ווען מיר יונגע בחורים און מיידלעך פון מאָסקווע און מינסק האָבן דערזען אַ ים און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט עס דערפילן און זיך אָפּטובלען אין אים. מיר האָבן אויסגעזוכט א שטיל ווינקל, כדי זיך נישט צו מישן מיט די מיידלעך, ווייל קיין באָד־קאָסטיומען האָבן מיר דאָך נישט געהאַט.

נאָך דריי טעג פאַרבריינגען אין אָדעס, האָט אונדז די איטאַליענישע שיפס־געזעלשאַפט, מיט וועלכער מיר האָבן געזאָלט פאָרזעצן די רייזע קיין ארץ־ישראל, צו וויסן געטאָן אַז מיר דאַרפן ברענגען אונדזערע זאַכן כדי דורכצומאַכן די רעוויזיע מצד די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען פאַרן אַרויפגיין אויף דער שיף.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום פאָרט, האָבן אונדזערע הערצער אָנגעהויבן צו קלאַפּן: צי וועלן מיר אויף אַן אמת אָנקומען קיין ארץ־ישראל אין א דריי־פיר וואָכן אַרום? אַלץ האָט אויסגעזען ווי א חלום און יעדע מינוט האָט אונדז אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט.

מיר האָבן באַדאַרפט זיך אויסשטעלן אין א ריי און איינציקווייז אַריינגיין אין דעם ביוראָ פון פאָרט. איך בין געווען דער צענטער. איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט, און איך ווייס אויך היינט נישט, פאַר וואָס יעדער איינער וועלכער איז אַרויסגעקומען פון ביוראָ האָט נישט דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען אינעווייניק. אָבער דער זיבעטער אָדער אַכטער אַרויסגעקומענער האָט געגעבן עפּעס א ווונק אַז עס האַנדלט זיך וועגן געלט: „הילף פאַר יתומים אָדער קאַליקעס". און איינער האָט גלאַט געזאָגט: „ליידיקט אויס די קעשענעס"...

מיר האָבן באַשלאָסן צו באַהאַלטן די אויסלענדישע וואַליוטע וואָס מיר האָבן געהאַט און צו לאָזן דאָס סאָוויעטישע געלט וואָס האָט ממילא נישט געהאַט קיין שום ווערט אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

ווען ס'איז אָנגעקומען מיין ריי, בין איך אַריין אין צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. איך בין צוגעגאַנגען צום טיש ווו ס'איז געזעסן א טיפּישער קאָמיסאַר מיט אַ פּאַק פּאַפּירן פאַר אים. דער קאָמיסאַר האָט מיך געהייסן זיצן און אָנגעהויבן פרעגן מיין נאָמען און אַנדערע פּערסאָנאַליען; ווו איך האָב געלערנט און פאַר וואָס מען האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון מאָסקווער אוניווערסיטעט.

האָבן אַ סיבה כדי צו קומען אַהער, אַנדערש וועל איך נישט קענען אַריינגיין צו דיר...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און מיך געפרעגט וויפיל פּעקלעך ציגאַרעטן איך האָב. נאָך דעם ווי איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב נאָך דריי־פיר און אויך אַ קליינעם וואָוואַל וואָס מען זעט נישט דאָ אַזעלכעס, האָט זי מיר געהייסן קומען אין דריי טעג אַרום און אַלץ וועט זיין בסדר.

איך בין געקומען אין דריי טעג אַרום מיט די מתנות, שיין פאַרפּאַקט, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו שיקן דורך פּאָסט. איך האָב עס אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש צווישן דעם אָרט פון דער באַאַמטין און דעם אָרט פון דעם אַנדערן אויפזעער אירן. באַגריסנדיק זי, האָב איך באַקומען אַן ענטפער אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. אָבער שפּעטער זאָגט זי מיר, אַז עס איז היינט איר געבורטס־טאָג און זי איילט זיך צו גיין אַהיים ווו די משפחה וואַרט אויף דער גרויסער געשעעניש.

איך האָב איר דאַן געזאָגט, אַז מיין מוטער האָט אָפּגעבאַקן אַ קוכן צוליבן געבורטס־טאָג פון אירער אַ פריינדין, וועלכער פאַלט אויך אויס היינט. איך האָב „פאַרגעסן” דאָס פּעקעלע, אָבער מיין מוטער וועט קענען אָפּבאַקן אַן אַנדערן קוכן. ווייזט אויס, אַז מיינע ווערטער און דאָס פּעקעלע, זענען איר געפעלן געוואָרן און זי האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— דאָ זענען אַלע פּאַפּירן; פאָר געזונט און פאַרגעס מיך נישט... — איך האָב אונטערגעשריבן וואָס איך האָב אונטערגעשריבן. שפּעטער בין איך געוואָר געווערן פון אַנדערע פריינד, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער סאָוויעטישער בירגערשאַפט און אַז איך האָב נישט קיין רעכט צוריק צו קומען קיין רוסלאַנד אָן אַ פריערדיקער דערלויבעניש.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען אין אונדזער שטוב אַ ספּעציעלע באַראַטונג פון דעם עקזעקוטיוו פון אַלרוסישן „מכבי”. מיר האָבן גערעדט וועגן איינשטעלן אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן רוסלענדער „מכבי” און דעם ארץ־ישראלדיקן און אויך אַנדערע לענדער. איך בין געוואָרן באַפולמעכטיקט דורכצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע צוזאַמען מיט מאיר מאָראַט, וועלכער איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט אייניקע חדשים צוריק.

עס זענען אַדורך נאָך צוויי וואָכן און איך בין געווען אויף דעם בריאַנסקער וואָקזאַל. ס'האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט פיל פריינד כדי מיך צו געזעגענען. אָבער טייל האָבן נישט געוואַגט צוצוקומען נענטער, ווייל עס האָבן זיך אַרומגעדרייט פיל „טשעקיסטן”. איינער פון די חברים וועלכער איז געקומען מיך געזעגענען איז געווען שמואל שניאורסאָן, דער פירער פון „רעכטן החלוץ” און ער האָט מיר דערלאַנגט אייניקע מעלדונגען איבערצוגעבן די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס אין ארץ־ישראל.

עס זענען אויך געקומען אייניקע אַרטיסטן פון „הבימה”, וועלכע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר און מיט צבי פרידלאַנד, איינער פון די עלטסטע אַרטיסטן פון דעם העברעאישן טעאַטער, וועלכער איז געפאָרן קיין קיעוו. די לאַנגע רייזע איז נישט געווען קיין לאַנגווייליקע, ווייל מיר האָבן געהאַט פיל געמיינזאַמע ענינים בעת די עטלעכע יאָר פון אונדזער פריינטשאַפט.

איך האָב געפרעגט פרידלאַנדן צי מיר וועלן נאָך טרעפן דעם יידישן שרייבער דוד בערגעלסאָן. פרידלאַנד האָט מיר געענטפערט, אַז ער טרעפט בערגעלסאָנען, אָבער זייער זעלטן. בערגעלסאָן, האָט געזאָגט פרידלאַנד, געפינט זיך שוין אויף דער צווייטער זייט פון דער מחנה און איך צווייפל צי ער וועט זיין פאַראינטערעסירט זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון דער „הבימה”. איך האָב אים דערציילט וועגן בערגעלסאָנס באַציאונג צו דער „הבימה” און צו סאָוויעט־רוסלאַנד בכלל, ווי בערגעלסאָן אַליין האָט זיך אויסגעדריקט. דאָס איז געווען אין יאָר 1922 אין קיעוו, אין א יידישער מסיבה צו געזעגענען מיין אָנקל ד״ר אהרן פאַטקין ז״ל, וועלכער איז אַוועק פון רוסלאַנד קיין פוילן און פון דאָרט קיין בערלין.

אין יענע צייטן האָט מען פיל גערעדט וועגן די רייזעס פון דער „הבימה” אין אייראָפּע, אַמעריקע און אויך וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דער העברעאישער טעאַטער זאָל זיך איינאָרדענען אין ארץ־ישראל. טייל האָבן אויפגעהויבן די פראַגע וועגן די גרויסע געלטער וואָס זענען פאַרבונדן דערמיט. און א חוץ דעם — צי וועט ארץ־ישראל, מיט דער קליינער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, קענען אויסהאַלטן די „הבימה”, וועלכע האָט זיך שוין דאַן גערעכנט אַלס איינע פון די בעסטע טעאַטערן אין דער וועלט. דאָך האָט דאָס נישט אָפּגעהאַלטן די „הבימה”־מענטשן און זייערע פריינד צו טראַכטן און באַהאַנדלען דעם ענין, און צו מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען. „אַפילו חלומות ווערן אַ מאָל פאַרווירקלעכט” — האָבן זיי געזאָגט.

הגם אין דער מסיבה האָבן אָנטייל גענומען אַרטיסטן פון „הבימה”, און צווישן זיי זענען געווען: נחום צמח, שושנה אביבית, חנה ראָווינאַ, מנחם גנעסין, נחום וואַרדי, משה הלוי — איז צבי פרידלאַנד נישט געווען אָנוועזנד, האָב איך אים דערציילט וועגן דער דיסקוסיע וועלכע איז פאָרגעקומען און דעם פאָרשלאַג פון שושנה אביבית, אַז די „הבימה” זאָל אַרויספאָרן אויף גאַסטראָלן קיין אייראָפּע און שפּעטער עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

צווישן אַנדערע האָט אין דעם שמועס אָנטייל גענומען דוד בערגעלסאָן, וועלכער איז געהאַט צוריק געקומען פון אַ ריי אייראָפּעאישע לענדער, און מיט גרויס באַגייסטערונג האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר זענט מענטשן פון העברעאישן טעאַטער „הבימה”, איר וועט פאָרן קיין אייראָפּע, איר וועט שפּילן פאַר א יידישן עולם, מען וועט אייך אויפנעמען מיט באַגייסטערונג און מיט אויסערגעוויינלעכע בראַוואָ־פאַטשערייען — אָבער איר וועט צוריקקומען צו „מאַטיושקאַ ראָסיאַ”, ווייל פון איר האָט איר געצויגן אייער שאַפונג: אַלע זענט איר פאַרבונדן מיט איר מיט אומגעזעענע פעדים.

בן־ציון פּאַטקין ז״ל

# פון מאָסקווע ביז נס־ציונה

(בלעטלעך פון אַ טאָגבוך)

ווען איך בין געוואָר געוואָרן, אַז איך וועל קענען באַקומען אַן אַרויספאָר־וויזע פון סאָוויעט־רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, אויפן באַדינג אַז איך וועל דאָרט קענען פאָרזעצן מיינע הויכשול־שטודיעס, האָב איך אָנגעשריבן — אויב איך האָב נישט קיין טעות — צו בנימין וועסט וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט פאַרנומען מיט די עליה־ענינים פון די רוסישע ציוניסטן אין ארץ־ישראל, און אויך צו די ברידער יאָפע, אַז זיי זאָלן מיר שיקן אַ סערטיפיקאַט, וואָס אָן דעם האָב איך נישט געקענט קריגן קיין אַרויספאָר־וויזע פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

עס זענען אַדורך איניקע וואָכן און איך האָב באַקומען אַ מעלדונג פון בריטישן קאָנסולאַט אין מאָסקווע, אַז עס איז אָנגעקומען פאַר מיר אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש קיין ארץ־ישראל. נישט וואַרטנדיק אַפילו קיין מינוט, בין איך אַוועק אין דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג אין מאָסקווע כדי צו דערליידיקן דאָס קריגן פון אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין אויבן דערמאָנטן אַמט, האָב איך אָנגעטראָפן אַ חנוודיקע אָנגעשטעלטע וועלכע האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט יעדן אַריינקומענדיקן אינטערעסאַנט. די באַאַמטין האָט געשמועסט מיט אַ הויכן מאַן, שיין אָנגעטאָן. ס׳איז דאַן נישט געווען קיין געוויינלעכע זאַך צו זיין אַזוי שיין אָנגעטאָן. בין איך געשטאַנען און געוואַרט אויף מיין ריי. נאָך איניקע מינוטן האָט זיך דער מאַן אויסגעדרייט און איך האָב גלייך דערקענט אין אים וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דעם באַקאַנטן רוסישן דיכטער אין יענע צייטן. ווער פון די יונגע אין מאָסקווע, האָט אין די צוואַנציקער יאָרן נישט רעציטירט אָדער געלייענט די לידער פון מאַיאַקאָווסקי און יעסענין?

מאַיאַקאָווסקי האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט דער פראַגע צי ער שטערט מיר נישט צוצוקומען צו דער „גוטינקער״ באַאַמטין? איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב צייט און איך יאָג זיך נישט. אגב — האָב איך אים געזאָגט — בין איך שטענדיק באַגייסטערט פון דיינע לידער. לויט אַ צופאַל בין איך מיט אַ דריי אָדער פיר יאָר צוריק אַריינגעפאַלן אין דער פּאָעטן־קאַפע, ווען דו ביסט אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און האָסט געלייענט צום ערשטן מאָל דאָס ליד:

„דאָס איז געווען אַ מאָל,
איך געדענק נישט ווען דאָס איז געווען,
אפשר איז עס בכלל נישט געווען״.

— אויסגעצייכנט — האָט געענטפערט מאַיאַקאָווסקי אין אַ הויכער שטימע. און צו וואָס ביסטו געקומען אַהער, צו קריגן אַ דערלויבעניש אַוועקצופאָרן אין אַן אַנדער לאַנד? ווהעסט נישט קריגן קיין דערלויבעניש אויב דו האָסט נישט קיין וויזע אַריינצוקומען אין אַן אַנדער לאַנד.

— און אין דער שטיל האָט ער צוגעגעבן: פאַרשיוויצי...



בן־ציון פּאַטקין ז״ל

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל (פּאַלעסטינע). נישט קענענדיק אַפילו מאריך זיין, האָט די חנוודיקע באַאַמטין זיך אָנגערופן: „חבר פּאַטקין האָט באַקומען אַ דערלויבעניש און אפשר אין אַ דריי טעג, אָדער דריי וואָכן וועט ער באַקומען די אַרויספאָר־דערלויבעניש״.

מאַיאַקאָווסקי האָט אַרויסגענומען זיין זייגער פון וועסטל־קעשענע, אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „איך דאַרף זיך נאָך ווענדן צו אַן אַנדערן באַאַמטן וועגן אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש און איך מוז זיך צואיילן. זאָלסט האָבן מזל אין דער יידישער מדינה („יעווריעיסקאָיע גאָסודאַרסטוואָ״) און איך ווינטש דיר אַל דאָס גוטס״. ער האָט געדריקט מיין האַנט און איז אַוועק.

פאַר מיר איז דאָס געווען זייער אַן אָנגענעמע איבערלעבונג. נישט נאָר צו כאַפּן אַ שמועס מיט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, נאָר אַפילו צו קריגן גוטע ווונטשן פאַר אַ גליקלעכער עליה קיין ארץ־ישראל.

— אַלזאָ — האָט געזאָגט די באַאַמטין — אין אַ דריי וואָכן אַרום, אָדער אפשר אַ חודש, וועסטו קריגן דיין אַרויספאָר־וויזע. נאָר געדולד, זאָלסט מיך נישט אונטעריאָגן ווייל דו ביסט נישט דער איינציקער. דער חבר, וועלכער איז דער אויפזעער איבער מיר, האָט נישט ליב אַז עמיצער „שפּרינגט איבער די ריי״... — אגב — האָט זי צוגעגעבן — שוין נישט לאַנג און דו וועסט קענען רויכערן גוטע ציגאַרעטן און עסן וווּרשטלעך וועלכע מען קען דאָ הי נישט קריגן...

איך האָב פאַרשטאַנען וואָס די „יפהפיה״ איז אויסן און איך האָב איר געזאָגט:

— מיט עטלעכע טעג צוריק איז צוריקגעקומען מיינער אַ פריינד פון אויסלאַנד און האָט אונדז געבראַכט עטלעכע מתנות. איך האָב דאָ אַ פּעקל אויסלענדישע ציגאַרעטן, נעם עס צו פאַר זיך, און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך ברענגען דיר נאָך עפּעס... אָבער טו מיר אַ טובה און גרייט צו מיין דאָקומענט, ווייל איך דאַרף

מיט דער פלינקייט און כיטרעקייט פון אַ לייטישן הענט, און די רוסן זענען נישט געווען צופיל איבערקלייבעריש...

דאָס אַלץ האָט ער געוואָלט פאַרגעסן; ווען די געדאַנקען האָבן זיך נישט געלאָזט אַרויסשטופּן פון זכרון — האָט ער אין די פּאַסירונגען געפּרוווט זוכן אומשולדיקע צופעליקייטן ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין.

אָט די אַלע פּאַסירונגען האָבן אַצינד מיט אַ מוראדיקער קראַפט, מיט אַ בליצנדיקע העלקייט פון טויזנטער רעפלעקטאָרן באַלויכטן יעדן ווינקל פון זיין זכרון. ער האָט געזען שעווען — ווי נאָך קיינמאָל נישט זינט זייער לעצטן אָוונט צוזאַמען, וואָס האָט באַדייט דער ענטגילטיקער ריס...

אָבער פאָרט:

זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שמייכלדיקע מיט צוויי אומשולדיקע חן־גריבלעך אין ביידע באַקן; איר רונדיקער בוזעם איז געווען גענוי, ווי ער געדענקט אים: באַהאַלטן הינטער אַ ווייס־בלוזקעלע, וווּ איין קנעפּל איז צופעליק געווען אָפן און האָט גערייצט. איר ברייט־בייניקער געשטעל האָט געלאָקט מיט וואַרעמקייט און ווייבלעכקייט, ביז משוגע צו ווערן...

שעוועס רוף האָט געטראָגן אין זיך דעם פאַרבאָרגענעם צויבער, וואָס האָט אים פאַרכישופט און געלייטערט פון אַלע ווידערווילנס און פאַרדרוסן, וועלכע זי האָט אים פאַרשאַפט. דער בריוו האָט ווי אויסגעמעקט אַלע זיינע טענות, כדי עס זאָל זיין אַ ניי בלאַט אָנצוהויבן פון אָנהויב... אָט פון יענעם אָוונט אין זייער הויז... אין זיין צימער... זי וועט צוריקברענגען זיין יוגנט; זיין היים; דאָס פאַרלוירענע...

פנינה איז אין אָט דעם בילד געווען אַ פאַרשלייערט געשטאַלט, אָן אַ פאָרם; אַ חלום פון וועלכן מען וועקט זיך אויף, אָן צו געדענקען פּרטים. מען וויל, דער חלום זאָל זיך איבערחזרן — אָבער נישט מער — ווי אַ חלום.

שעווע איז געווען די צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט וועלכע האָט ווידער אַרויסגערופן דעם אַלטן שטורעם אין זיין בלוט, אין זיינע חושים. אַצינד רופט זי אים... נאָך אַלע אירע דערפאַרונגען וויל זי צוריק צו אים, צום אָנהויב — צו אָט די נאַיווע יוגנטלעכע רגעס פון פאַרגעסונג און אַנטפלעקונג...

דער רוף פון דער פאַרגאַנגענהייט, די אויסגעשטרעקטע האַנט — האָט געלאָקט מיט צאַרטער וואַרעמקייט, אַ וואַרעמקייט וועלכער ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט און נישט נאָר דאָס: די רגעס פון דערוואַכטונג זענען תמיד געווען אָנגעגליטע...

דער מוח האָט באַנומען, אַז ער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער ליפּעס ראַנגלענישן, וואָס שייך שעווען.

די אָנגעזאַמלטע קראַפט האָט זיך געריסן צום פּונקט פון זיין באַשאַף...

דער מוח, די געניטע מאַשין וועלכע די נאַטור האָט באַשאַפן צו האַרמאָניזירן דעם מענטשנס האַנדלונגען, באַלאַנסירן לאָגיק מיט געפילן, האָט איינגעזען, אַז דער רוף פון דער ווילדערניש האָט אונטערגעריסן די פונדאַמענטן פאַר ליפּעס נייעם אָנהויב, וועלכע ער האָט פאָרזיכטיק געבויט מיט געדולד. האָט דער שטורעם אַלץ חרוב־געמאַכט?

ליפּע האָט די איינזאַמקייט דערפילט — נישט איבערצוטראָגן. די שעהן וואָס ער האָט געמוזט וואַרטן ביזן ערשטן אויטאָבוס, וועלכער פאָרט פאַרביי דעם קיבוץ, אויפן וועג קיין תל־אביב — האָבן זיך פאַר אים געצויגן ווי אַן אייביקייט.

דער נאַכטיקער ווינט האָט אַריינגערוישט דורכן אָפענעם פענצטער. די נאַכט האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, וועדליק דער זייגער אויפן טיש האָט באַוויזן. ליפּע האָט פּרובירט צומאַכן די אויגן. נאָך דעם ווי ער האָט באַשלאָסן ווי צו האַנדלען, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש פאַר רו, ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

אין אָט דער רו איז צווישן אים און שעווען אויסגעוואַקסן דער וואַלד. דער וואַלד און די היילן וווּ ער האָט געזומערט און געווינטערט, מיט אַ קאַלט שטיק שטאָל צוקאָפּנס.

דער וואַלד איז אים אַנטקעגנגעקומען און אים אַרויפגעפירט אויף די סטעזשקעס וווּ דער טויט האָט געלויערט און דאָס לעבן איז אַנטקעגנגעקומען מיט הענט פאַרהאַרטעוועטע; מיט אויגן טריבע אָבער שאַרפע; מיטן אָנגעשפּיצטן געהער פון אַ געיאָגטער חיה.

מיט אָט דעם וואַלד־אינסטינקט, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין געפערלעכע סיטואַציעס, האָט ער דערשפּירט, אַז דעם לייכטן וועג, וועגן וועלכן ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט צו טרוימען און זען אים; אַ וועג וועלכן מען האָט אים אָנגעבאָטן, אַז דווקא אויף דעם וועג ליגט די געפאַר, וועלכע ער מוז אויסמיידן.

ער איז אויפגעקומען. די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער. ער האָט באַמערקט דאָס רענצל, וואָס איז געלעגן דערנעבן פאַרפּאַקט, גרייט צו דער נסיעה.

— האָט ער טאַקע געוואָלט אַהין פאָרן צו דער באַגעגעניש? — דאָס האָט ליפּע זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין.

— די גאַנצע נאַכט האָט ער דאָך מיט איר גערעדט; אויסגעגאָסן זיינע פאַרדרוסן; געהערט אירע פאַרענטפערונגען. דורכגעלעבט דאָס, וואָס די באַגעגעניש קאָן אין אים אויפרודערן...

ער איז אַראָפּ פון בעט. זיך אָנגעטאָן די ארבעטס קליידער, געפונען דעם בריוו מיטן אַדרעס, און אים צעריסן.

ווען פנינה האָט אים געטראָפן ביי דער אַרבעט מיט טונקעלע רייפן אַרום די אויגן, האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט זיינע געטאָ־ און וואַלד־קאָשמאַרן.

ליפּע איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אים גאָרנישט געפרעגט.

זיין געוויסן וואָלט נישט דערלאָזן אויסצובאַהאַלטן די נאַכט פון דער באַגעגעניש מיט שעווען.

---

ערשט אין אָונט, אין זיין צימער האָט ער זיך דערמאָנט אין בריוו, ווען ער האָט אים, מיט פאַרשידענע אַנדערע זאַכן, אַרויסגעצויגן פון טאַש, און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

ווען ער האָט אים אויפגעמאַכט, און דורכגעלאָפן די פּאָר שורות, איז ער געווען צופרידן, וואָס פּנינה האָט עס אים נישט געבראַכט און ער וועט פאַרשפּאָרן זיך ארויסדרייען מיט אַן אויפקלערונג.

צו זיין יושרדיק צו פּנינה, מוז מען זאָגן, אַז זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס צו זיינע בריוו. אָבער ליפּע האָט עס געהאַט אויפן געוויסן. נישט דערציילן האָט געמיינט — ער וויל די געהיימענישן אַרום זיין פּערזאָן פאַרטיפן, כאָטש באַמיט האָט ער זיך וואָס מער צו אַנטפּלעקן, כדי פּנינה זאָל זיך נישט דאַרפן אַנטוישן, אויב עס וועט זיך פּאָרט צווישן זיי פאַרקניפּן...

דורך דערציילן וועגן זיינע בריוו איז פּנינה אריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון זיינע אינטערעסן...

דאָס נאָר וואָס געעפנט בריוול איז געווען קורץ, אָבער געווירקט האָט ער אויף ליפּען, ווי עמעץ וואָלט זיין נשמה אַריינגעכאַפּט אין א פּרעס און נעמט זי צעגויפּדריקן.

„מיין ליבער פריינד ליפּע,

מיט פיר וואָכן צוריק בין איך אָנגעקומען קיין תל־אַביב. איך וווין ביי מיין פעטער, וועלכן דו געדענקסט געוויס. עס וווּנדערט מיך, וואָס דו האָסט זיך קיינמאָל נישט נאָכגעפרעגט אויף מיר, ווייל מיטן פעטער זענען מיר די גאַנצע יאָרן אין קאָנטאַקט.

צופעליק האָב איך געטראָפן עמעצן פון די לאַנדסלייט, און ער האָט מיר געגעבן דיין אַדרעס.

איך נעם אָן, אַז דו ווייסט מיין פעטערס אַדרעס. נאָר פאַר יעדן פאַל שרייב איך אים אויף: רחוב אשכנזי נר א 17".

שעווע

ליפּע האָט געקוקט אויפן שטיקל פּאַפּיר. אָבער וואָס האָט עס אים געקאָנט זאָגן מער — ווי עס האָט שוין געזאָגט?

איז זי געקומען מיט א מאַן — טאָ צו וואָס דאַרף זי אים לאָזן וויסן אַז זי איז דאָ? איז זי געקומען אַליין — וואָס דערוואַרט זי פון אים?

די באַדערפעניש פון ווערן זיך דיסטאַנצירן פון שעווען, כדי צו לאָזן גענוג שטח פאַר אַנדערע געפילן און פאַרלאַנגען — האָט מיטאַמאָל זיך דראַסטיש פאַרקלענערט.

— דער גורל וויל מיך נישט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט — האָט ער טרויעריק א זאָג געטאָן. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ האַלבע וועלט, און דאָ צוגעשפּאַרט צום וואַנט. האָט ער מיר טאַקע געלאָזט לעבן, כדי זיך מיט מיר צום סאַמע סוף א שפּיל טאָן און פאַרביטערן די יאָרן?

דער גורל — ווי דאָס בריוול האָבן נישט געהאַט — ווייזט אויס קיין שום פאַרפליכטונג לגבי ליפּען, כדי כאָטש מיט א ווונק צו באַשיידן די נאָר וואָס געשאַפענע סיטואַציע.

אין יענעם אָונט — אַליין מיטן בריוו — האָט ליפּע, קעגן דער לאָגיק פון לייענען א בוך, גענומען מישן צוריק די בלעטער פון בוך פון זיין לעבן.

— — — שילער זענען זיי געווען אין זעלבן קלאַס — ער און שעווע. אין דער זעלבער אָפּטיילונג זענען געווען שקצים, וואָס נאָכן פאַרענדיקן די שול, זענען זיי גלייך געגאַנגען דינען אין מיליטער. איז וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס געקאָנט האָבן, אַז שעווע איז אַ צוויי יאָר עלטער פון אים?

אַזוי האָט זיך עס אייגנטלעך אָנגעהויבן. זי האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט מאַכן די שול־אַרבעטן; זי איז געקומען צו זיי אין הויז; זי האָט זיך באַפריינדעט מיט די עלטערן...

און ער? ער איז געווען אין דעם עלטער, ווען די נאַטור האָט גענומען פאַרלאַנגען אַז ער זאָל זען אין דעם מיידל נישט בלויז א חברטע, נאָר א פרוי.

אין יענע יאָרן, ווען א יינגל האָט גענומען אַרויסגיין מיט איין מיידל עפטער ווי מיט אַנדערע — זענען זיי געוואָרן אַ „פּראָבלעם".

אָט זעט ער:

דער לערער ווּרובלעווסקי, אַ פּאָליאַק פון אַ יאָר אַכטאונצוואַנציק אוודאי, קומט יעדן טאָג אין שול אַריין אויף אַ מאָטאָציקל. אין שטעטל איז, דוכט זיך געווען נאָך איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ מין כלי — דאָס איז געווען דער אינסטרוקטאָר פון די פייערלעשער. במילא האָט זיך אַזאַ מאַשין אָנגעזען און געוועקט נייגעריקייט.

ווער איז עס געווען, וואָס האָט באַמערקט, אַז אין א זומערדיקן פאַרנאַכט איז שעווע געפאָרן מיטן לערער ווּרובלעווסקי אין דער ריכטונג פון שטאַטישן וואַלד — דאָס קאָן זיך שוין ליפּע מער נישט דערמאָנען. נאָר ווייל שעווע איז געווען זיין „פּראָבלעם" — האָט מען געהאַלטן פאַר נויטיק, אַז ער מוז עס וויסן, כאָטש ער אַליין האָט נישט פאַרשטאַנען דאַן, דעם: צוליב וואָס?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל — אַזוי נעמט ער אָן — ווען ער האָט גענומען באַמערקן איינע פון שעוועס הויפּט־שטריכן: — זי וויל מען זאָל איר אָנזען, און אויסטיילן פון צווישן אַנדערע...

ער האָט איר גאָרנישט איבערגעפרעגט דערוועגן. אָ, היינט וואָלט ער איר שוין געוווּסט וואָס צו פרעגן און אפשר וואָלט ער אויך היינט געשוויגן, וויסנדיק פּאַרויס, אַז קיין ענטפער וועט אים נישט באַפרידיקן...

שעווע, ביי אירע אכצן יאָר איז געווען א מיידל, ביי וועלכע אַלע אברים האָבן געשריען מיט מאָנונג... דער לערער ווּרובלעווסקי האָט אַרויסגעפילט, אַז שעווע וועט נישט האָבן קעגן דעם, ווען ער וועט איר פאָרלייגן זיך דורכצופאָרן מיט זיין מאָטאָציקל אין וואַלד אַריין...

נאָך דעם זענען געקומען די סאָוויעטן. ער איז געווען דער זון פון א קליינבירגער, אָן האָפענונג צו דערגרייכן עפּעס א מדרגה, אַחוץ די מדרגה פון א געוויינלעכן פאַבריקס אַרבעטער.

אָ — אין דעם ים איז שוין שעווע אַרומגעשווומען

**מ. אייזענבוד**

# באַגעגעניש...

**(קאַפּיטל פון דער נאָוועלע „פנינה")**

ליפּע שאַפּיראָ האָט גענומען אַריינוואַקסן אין דער נייער סביבה ווי אַ געוויקס וואָס מ׳האָט איבערגעפלאַנצט פון אַן אַנדער ערד; אַן אַנדער קלימאַט, די שפּראַך פון אולפּאַן איז אים געווען פרעמד. די מענטשן אַרום, הגם אויסערלעך האָט זיך נישט געמערקט קיין אונטערשיד: זיי האָבן געקוקט מיט די זעלבע אויגן — אָבער געזען האָבן זיי גאָר אַנדערש ווי ליפּע.

ווי אַ געוויקס, וואָס פאַרלירט געוויסע אייגנשאַפטן ביים איבערפּלאַנצן און באַקומט נייע — האָט אויך ליפּע גענומען זיך פּאַוואָלינקע אַדאַפּטירן צום נייעם קלימאַט; צו דער העברעאישער שפּראַך; צו דער סביבה.

אוודאי האָט דער אַרום געשאַפן די נויטיקע אַטמאָספער, און פנינה איז געוואָרן דער שטעקן צו וועלכן מען בינדט צו די פלאַנץ, כדי דער ווינט זאָל עס נישט באַשעדיקן.

נאָר פנינה איז געווען פאַר ליפּען מער ווי דער אָנשפּאַר פון זיכערקייט — עס איז געוואָרן דער גייסטיקער אָנשפּאַר אויפן וועג צו זיין ווידערגעבורט.

נאָך די ערשטע פּאָר מאָנאַטן, ווען די גרופּע מיט וועלכער ליפּע שאַפּיראָ איז אָנגעקומען אין קיבוץ האָט פאַרלאָזן דעם אולפּאַן, איז ער פאַרבליבן.

ווי ווייניק פנינה האָט אים פאַרשטאַנען, האָט זי דאָך באַנומען זיין אַנדערשקייט; זיין שפּירבאַרקייט; זיין נויטיקייט אין אַ לעבן אָן אויפטרייסלונגען. ער איז אַריין אין וואַלד אַ יונגער בחור און אַרויס פון אים — א פאַרהאַרטעוועטער מאַן מיט דער נשמה פון אַ יונגן מענטשן, וועלכער האָט קיין יוגנט נישט געהאַט.

פאַרגעסנדיק דעם אונטערשיד אין עלטער — האָט ער אין פנינהן געזען דעם אָנהויב פון פאָדעם, וואָס האָט זיך דאַן — צוליבן געטאָ און פּאַרטיזאַנקע — איבערגעריסן.

פון צייט צו צייט פלעגן קומען בריוו פון חברים. אַ זשורנאַל וווּ ער האָט געשיקט עפּעס אָפּצודרוקן.

אין די בריוו האָט יעדער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו לאָזן אים וויסן וועגן שעווען. איינער האָט געשריבן, אַז ער האָט זי געטראָפן אין רוסלאַנד — מיטשורינסק אָדער טאַמבאָוו — דאָס געדענקט ער נישט. נאָר וואָס ער ווייס אויף זיכער איז, אַז זי וווינט מיט אַ באַוווסטן אַרטיסט.

פון אַ פריינד, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן צו דערקלייבן קיין פּוילן איז געקומען דער גרוס, אַז ער האָט געזען שעווען אין פּוילן, איר מאַן איז א וואַרשעווער און זיי מאַכן דאָרטן גוטע געשעפטן, און ווילן וואַרשיינלעך בלייבן. יעדער האָט, הייסט עס געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצוליגן אַ שפּענדל, דער אַלטער פלאַם זאָל נישט אויסגיין...

ליפּע שאַפּיראָן האָבן די אַלע גרוסן געלאָזן גלייכגילטיק. עס האָט זיך אים נאָר געוווּנדערט וואָס די פריינד זיינע האָבן גאָרנישט פאַרגעסן און גלויבן אַז דורך די גרוסן טוען זיי ליפּען אַ ביז גאָר וויכטיקע טובה.

פון די אַלע יאָרן, ווען ער איז נאָענט געווען מיט שעווען, האָט ער אין איר כאַראַקטער באַמערקט שטריכן, לויט וועלכע ער האָט געקאָנט אָנצייכענען — ווי די טרעפעריין פּרובירט לויט די האַנט־פלאַך ליניעס פאָרויסזאָגן די צוקונפט, אַז שעווע וועט אויפן לעבנס־לייטער זיך אַרויפדראַפּען גאָר הויך...

שוין בשעת דעם סאָוויעטישן רעזשים, וואָס האָט געדויערט גאָר קורץ, האָט ער געזען ווי זיינע פאָרויסזאָגונגען נעמען אָן בלוט און פלייש, און ווער ווייס? ווען עס ברעכט נישט אויס די מלחמה וואָלט שעווע חתונה געהאַט מיט א וויכטיקן מענטשן פון דער סאָוויעטישער הערארכיע.

דאַן איז ער פון דעם — וואָס אַן אמת — נישט געווען באַגייסטערט. אַצינד אָבער — האָט עס אים מער נישט געאַרט.

אַצינד איז זי געווען פאַר אים נישט מער ווי נאָך איין בלאַט אין בוך פון זיין לעבן, און כאָטש דאָס בוך האָט נאָך געהאַלטן ביים סאַמע אָנהויב, איז עס אָבער געדיכט פאַרשריבן מיט איבערלעבונגען פון זיין געראַנגל צווישן צוויי פּאָליוסן — לעבן און טויט.

★

געוויינטלעך האָט ער דאָס ברענגען די בריוו איבערגעלאָזט פאַר פנינהן. זי פלעגט סיי ווי יעדן טאָג זיין אין מזכרות, און חוץ דעם — זייער באַגעגענען זיך האָט געהאַט אַלע סימנים פון צופעליקייט.

ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט לאָזן אָפן דאָס טירל פון פרייהייט, דעריבער האָט ער זיך געהיט נישט צו פאַרשליסן דעם קרייז אין זיינע פאַרהעלטענישן מיט פנינהן. פאַר איר איז אגב נישט געבליבן קיין סוד די סיבה פון זיין פאַרהאַלטן זיך אין קיבוץ.

אויף אַזוי פיל האָט שוין ליפּע באַנומען דאָס לשון...

דאָס מאָל האָט אים עמעץ אַנדערש איבערגעגעבן אַ בריוו, פון וועלכן ער האָט געמאַכט א קנאַפּן וועזן. אויפן קאָנווערט איז געווען דער פּאָסט־שטעמפּל פון תל־אביב, און דער קאָנווערט אַליין האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען ליידיק. — אוודאי אַן איינלאַדונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך; אַריינגעשטעקט דעם בריוו אין טאַש און איז אַוועק צו זיין אַרבעט.

---

נישט אויפהויבן אַ שווערד קעגן אַ פאָלק". דער משיח וועט שטאַרבן און זיין זון און דעם זונס זון וועלן רעגירן אויף זיין אָרט. די קינדער וועלן זיין יושרדיק און זייער שכל וועט זיין גרויס. ווי עס שטייט געשריבן: אַני נסכתי מלכי על ציון הר קדשי בני היום ילדתיך.

רים ווייל אין מצרים האָבן זיי נישט געקאָנט רוען צוליב די עגיפּטער וועלכע האָבן זיי נישט געלאָזט איבעררייסן זייער שווערע אַרבעט.

אויך אין די דריי זין פון אדם, קין, הבל און שת געפינט דער רמב״ם אַן אָנצוהערעניש, אויף די דריי עלעמענטן פון דעם מענטשן; וועגעטעריאַנער, חיות־אינסטינקט; דער חיות־עלעמענט ווערט אַנולירט נאָר דורך דעם דריטן עלעמענט. דער אינטעלעקטואַלער עלעמענט בלייבט און פאָרמט דעם גרונד פון דעם מענטש.

נביאים זענען געווען אויך צווישן אַנדערע פעלקער, און נישט נאָר ביי יידן אַליין, ביי יידן זענען געווען נביאים ספּעציעל אין אַלטערטום. און געווען זענען זיי נישט אַ קורצע צייט, נאָר לאַנגע דורות. דער געדאַנק פון אַ נביא אַזוי ווי ער איז פאָרגעשטעלט געוואָרן איז געווען יושר און דער ווילן צו גוטע מעשים פאַר אַלע מענטשן. זיין גאַנצער געדאַנק איז געווען אַז נישט אָפּהענגיק דערפון וואָס עס זאָל נישט זיין די סיבה, מוז יושר שטענדיק עקזיסטירן און טריומפירן.

דורך דעם אידעאַל האָט דער נביא געקוקט אויף דער וועלט און געזען די היסטאָריע פון זיין צייט און אָרט. דער נביא איז געווען אַ קעמפער פאַר זיינע אידעאַלן און זיין טיפע איבערצייגונג אַז ער איז דער ריכטיקער מענטש, וואָס ווייסט וואָס צו טאָן. זיין איבערצייגונג האָט ער אויסגעדריקט אין ווערטער וועלכע זענען געווען פייערדיק און איבערצייגנדיק אָן א שום גרענעץ אָדער ספק. נאָר צדק און יושר זענען דער אינהאַלט פון דעם יידישן פאָלק און ס׳זענען נישטאָ קיין אַנדערע אידעאַלן פאַר דעם יידישן פאָלק. אין אידעאַליזם איז זיין ווונטש געווען מי ותן כל עם ד׳ נביאים. זייער ווונטש איז געווען אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין איבערגעגעבן דעם דאָזיקן אידעאַל און דאָס וועט זיין די גלאָריע פון דעם יידישן פאָלק און פאַר דער צופרידנקייט פון גאָט. אין דער גערעכטיקייט און אין יושר האָט דער נביא געזען די האַרמאָניע פון דער וועלט און די שיינקייט פון דעם אוניווערס. אויסער דעם איז גאָרנישט ווערט און גאָרנישט קען דינען גאָט.

נביאות באַשטייט אין זוכן גאָטס פּאַטאָס, אויסגעדריקט און דער שפּראַך פון די נביאים.

לויט דעם רמב״ם קאָן יעדער זיין א נביא. די נביאות איז די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער דערגרייכונג. די מתנה פון נביאות איז אָפּהענגיק פון פיזישע, מאָראַלישע און גייסטיקע מעשים, קאָמבינירט מיט אינספּיראַציע.

מוזיק און זינגען דערוועקן דעם נביאס קראַפט. ער טיילט אין די נביאים אין צוויי גרופּן: א) די וואָס באַקומען אינספּיראַציע אין אַ חלום און ב) די וועלכע באַקומען די אינספּיראַציע פון וויזיע. נביאות איז לויטן רמב״ם גאָטס מאָראַלישע קראַפט, וועלכע קומט דורכן אַקטיוון אינטעלעקט צו קוואַליפיצירטע פּערזאָנען.

מיימאָנידעס ווערט אַ קריטיקער וועגן בוך „איוב״ און זאָגט אַרויס וויכטיקע מיינונגען סיי פון רעליגיעזן און סיי פון ליטעראַרישן כאַראַקטער. ער ציטירט די מיינונג פון תלמוד „בבא בתרא״ אַז איוב האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט, און איז קיינמאָל נישט געוואָרן באַשאַפן און אַז דאָס בוך איז נישט געשאַפן געוואָרן, נאָר דאָס בוך איז געוואָרן געשריבן אַלס פּאָעטיש ווערק. די יעניקע וועלכע האַלטן אַז איוב איז יאָ געווען און דאָס בוך איז אַ היסטאָריש געשעעניש, ווייסן ווען און ווו עס איז געבוירן געוואָרן. אַ טייל פון די תנאים זענען זיכער, אַז איוב איז געבוירן געוואָרן אין די צייטן פון אונדזערע אבות. אַנדערע האַלטן אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין די צייטן פון משה רבנו. אַנדערע האַלטן אַז ער איז געווען איינער פון די דאָזיקע וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון גלות בבל. דער פאַקט אַז ס׳איז פאַראַנען אַזאַ פאַרשידנקייט וועגן דער אָריגינאַליטעט פון איובס עקזיסטענץ, צווינגט דעם רמב״ם אָנצונעמען אַ טעאָריע, אַז דער פּראָלאָג און עפּילאָג פון דעם בוך איז אַ פיקציע. די דאָזיקע פיקציע אַנטהאַלט אָבער וויכטיקע אידעאַלן און באַזייטיקט ספּיקות. עס אַנטהאַלט אויסערגעווינלעכע סודות און גרויסע אמתן פון פילאָסאָפיע און רעליגיע. דער שטן דרייט זיך צווישן הימל און ערד. ער גייט צום הימל און גייט אַראָפּ צו דער ערד. נאָך א קורצן שמועס צווישן גאָט און שטן ווערט איוב איבערגעגעבן אין די הענט פון שטן. ס׳האָט נישט געהאָלפן, אַז איוב ווערט באַטראַכט דורך גאָט אַלס אַן ערלעכער און גאָטספאָרטיקער מענטש.

דאָס בוך גיט א באַשרייבונג פון אַ סך נאַטירלעכע דערשיינונגען פון דונערן; בליצן, רעגן און ווינטן. מיט די דאָזיקע דערשיינונגען זענען אויסגעמישט פאַרשידענע אינצידענטן אין לעבן פון אַ מענטש. לויט דעם רמב״ם האָט איוב געקאָנט גאָט אלס רעזולטאַט וואָס ער האָט אקצעפּטירט גאָטס אויטאָריטעט.

דער רמב״ם האָט געגלויבט, אַז אַ מענטש קען אַנטדעקן דעם אמת וועגן גאָט נישט נאָר דורך צוטרוי און גלויבן אין גאָט נאָר אויך דורך שכל. אין דעם איז ער געגאַנגען אין די וועגן פונעם גריכישן פילאָסאָף אַריסטאָטעלעס. פּראָפעסאָר יונג האָט געוואָלט באַווייזן, אַז גאָט האָט געוואָלט דערשרעקן איובן. דער אמת איז, אַז גאָט האָט אים געוואָלט לערנען אַז מאַטעריעלע ווערטן זענען נישט גענוג כדי צו מאַכן אַ מענטשן גליקלעך. אַ מענטש איז גליקלעך ווען ער ווייס אַז די גייסטיקע אידעאַלן ווערן פאַרווירקלעכט.

דער פאַרלאַנג פון די יידן און זייערע האָפענונגען אויף משיחס צייטן וועלן רעאַליזירט ווערן. משיח וועט זיין אַן ערדישער קעניג וועלכער וועט פאַרלייגן אַ דינאַסטיע און דערביי וועט ער אָנהויבן אַ פּעריאָד פון עקאָנאָמישער גלייכקייט אַזוי אַרום וועט דאָס לעבן זיין אַ סך גרינגער. דאָס וועט זיין די צייט ווען די מלוכה וועט זיך אומקערן קיין ישראל, דאָס הייליקע לאַנד פון די יידן. דער קעניג וועלכער וועט דעמאָלט רעגירן וועט האָבן אַ נאָמען און דאָס לאַנד וועט האָבן א גרויסע גרענעץ. וויסנשאַפט וועט פאַרנעמען א גרעסער אָרט, ווי עס שטייט געשריבן „די ערד וועט זיין פול מיט דער וויסנשאַפט פון גאָט״. קיין מלחמות וועלן מער נישט פאָרקומען, קיין פאָלק וועט

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# דער רמב״ם

קיין שום יידישער טעלאָג ביז היינטיקן טאָג האָט נישט דערגרייכט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן רום און רעפּוטאַציע, ווי עס האָט דערגרייכט דער רמב״ם אין זיין צייט און אין דער צייט נאָך אים — אין דערנענטערן די רעליגיעזע טראַדיציע אַדאַנק די פילאָסאָפישע יסודות.

דער רמב״ם האָט נישט געשאַפן קיין שום נייע פילאָסאָפישע פרינציפּן. ער האָט אויך נישט צוגעגעבן פרייע רעליגיעזע פאַרשריפטן צו דעם רעליגיעזן סיסטעם, וועלכע וואָלטן נישט געקאָנט אָנגענומען ווערן היינט אין דער אַנטוויקלטער וויסנשאַפטלעכער עפּאָכע. מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז דער רמב״ם האָט אויפגעבויט זיין פילאָסאָפיע אויפן גרונט פון דעם גריכישן פילאָסאָף אַריסטאָטעלעס וועלכער איז געווען אַן אויטאָריטעט ביי די קריסטן און מאַהאָמעדאַנער. זיין פילאָסאָפיע איז באַזירט אויפן יסוד פון שכל און פאַרשטאַנד. וואָס דער רמב״ם האָט געטאָן איז געווען צו ווייזן באַשיינפּערלעך און גענוי, אַז דער תנ״ך מיט אַלע זיינע רעליגיעזע פאַרשריפטן און אָנווייזונגען זענען איינשטימיק מיט אָנווייזונגען פון שכל און קלאָרן פאַרשטאַנד: אַז אַלע מצוות קאָנען און דאַרפן ווייטער פאַרגעזעצט ווערן און אַז פילאָסאָפיע איז נישט קיין אָפּהאַלט פאַר די רעליגיעזע מענטשן פון דעם יידישן גלויבן. די מצוות דאַרפן ווייטער אָפּגעהיט ווערן.

דעם רמב״ם׳ס ליבע צו תנ״ך איז געווען דער יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג אין די דורות וועלכע זענען געקומען נאָך אים.

אַריסטאָטעלעס איז געווען אַ גריכישער פילאָסאָף.

ער איז געווען דער ערשטער צווישן די גרויסע פילאָסאָפן וועלכער איז דערגאַנגען צו דער מסקנה, אַז גליק באַשטייט אין אַן אַקטיוון לעבן אין פולן אויסנוצן די אייגענע קרעפטן. דעם מענטשנס גליק באַשטייט נישט אין זעלבסט אינטערעס, אין אייגנוציקייט. פאַר דעם מענטשן איז נישטאָ קיין בעסערער וועג פאַר אויסצונוצן זיין גייסטיקן כוח, צו זיין אַקטיוו ווי נאָר דורך יעדער געלעגנהייט צו העלפן דערגרייכן דעם מענטשנס ווילזיין און גליק.

ביים גיין מיטן וועג פון שכל קאָנען מיר דערגרייכן גליק, לפחות דעם טייל פון גליק, וואָס וועט זיין אַ ברכה פאַרן מענטשן. ס׳איז אַ פרייד צו גיין דעם וועג פון שכל וועלכער ווייזט אונדז די רעגולערע וועגן דורכן אוניווערס און מאַכט העל די וועגן. מיטן שכל קאָנען מיר אויסגעפינען זאַכן וועלכע זענען פאַראַן אין פאַרשידענע גרופּן און יחידים.

די גריכן האָבן געגלויבט אַז דער מענטש איז אַ טייל פון דעם אוניווערס. דער תנ״ך האָט באַהאַנדלט בפירוש דעם מענטש אַלס אַ טייל פון גאָטס הערשאַפט; אַלס א שותף צו גאָט. דער יידישער געדאַנק קאָן ווערן אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון דעם העכסטן אימפּעראַטיוו.

לויט דעם ווערט פאַרשטענדלעך די מיינונג אין תנ״ך קדושים תהיו כי קדוש ד׳ אליהכים. וואָס איז גליק?

דעם פּראָבלעם איז לייכט צו אַנאַליזירן מיט עמאָציע. דער רמב״ם לערנט אונדז וואָס מיר דאַרפן טאָן, און וואָס מיר זאָלן נישט טאָן, און דאָס אַלעס נעמט ער פון תנ״ך.

צו די פּאָזיטיווע פונקציעס וועלכע פירן צו מענטשנס גליק זענען: ליב צו האָבן דיינע שכנים; נישט פיינט צו האָבן קיין פרעמדע; נישט צו פאַרשעמען קיינעם. דער מענטש זאָל אויסוויילן דאָס גוטע נישט אַלס מיטל צווישן עקסטרעמען, נאָר לויט דעם ווילן פון גאָט. דער „מיטל״ איז אַן אַריטמעטישער אופן צו געפינען דאָס גוטע וועלכעס ליגט צווישן „די עקסטרעמען״. דער אמת איז, אַז דער „מיטל״ באַצייכנט די עקסטרעמען און נישט די עקסטרעמען פון מיטל.

ווען מיר ווייסן וואָס איז גוט — און דער רמב״ם האָט גענומען דאָס גוטע וועלכעס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגענומען אָפּצוהיטן — יעדע אָפּנייגונג מוז אָנערקענט ווערן אַלס נישט גוט. אויב א מענטש עסט ווייניק; טרינקט נישט קיין וויין, האָט נישט חתונה; לעבט נישט אין קיין איינגעאָרדנט הויז, פאַרהאַלט ער זיך פאַלש לויט די יידישע פאַרשריפטן.

דאָס באַשרייבן אין תנ״ך פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט איז לויט דעם רמב״ם געגעבן לויט אַלעגאָריע און האָמאָנימס, (האָמאָ־ די זעלבע, נאָמאָס־רעכט). די ווערטער ארץ, מים, רוח חשק און חושך וועלכע באַדייטן ערד, וואַסער, לופט און פייער האָבן אויך אַן אַנדערע באַדייטונג און מיינען, ערד קוגעל, דאַמפונג, נעפל און פינצטערניש, צום אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן עקזיסטענץ און באַוועגונג. דאַן האָט גאָט באַשאַפן מינעראַלן, פלאַנעטן, חיות און די אינטעלעקטועלע וועזנס. דער זיבעטער טאָג איז געוואָרן געהייליקט ביי גאָט צו געדענקען דאָס אַרויסגיין פון מצ־

---

פון אַ פרישער וווּנד. זי האָט שוויגנדיק געקוקט אויף דער כאַליאַסטרע מיט אירע צוויי שוואַרצע אויגן פון וועלכע ס׳האָט א ווייע געטאָן מיט צער און פאַרשעמקייט. די יונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסשאַרן זיך פון געוועלבל פּלאָנטערנדיק מיט די פיס.

— שמאָכעשי, בנאמנות, מירן גאָרנישט געמיינט...

די צעלאָזענע חברה האָבן שוין געוווּסט וועגן אַלץ. איר מאַן, דער שמש, איז אַוועק — נאָך עטלעכע טעג וווינען מיט איר, אָן צו זאָגן אַ גוטן טאָג. אין שטוב ביי אונדז האָט מען געגומען רעדן וועגן שמאָכען — אַז זי איז נעבעך געוואָרן אַן עגונה. איך האָב נישט געוווּסט וואָס דאָס מיינט.

שמאָכע איז צוריק געוואָרן די אייגענע ווי פאַר דער חתונה — פאַרטראַכט, אָפּגעלאָזן, שמוציק — א פּערפעקטע דערגאַנצונג צו איר קויטיק געוועלבל. דער פאַרוק אויפן קאָפּ האָט איר דערמאָנט וועגן איר גליק וואָס האָט אַזוי קורץ געדויערט.

מיין שד׳ל האָט אויפגעהערט אַרומצובראָיען; איך האָב אויפגעהערט צו לאַכן.

האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ תם. דערצו איז די נאָז געווען אַלעמאָל פאַרויטלט פון כסדרדיקער נאָסקייט, וואָס ער האָט געווישט און געווישט, און נישט געקאָנט אָפּווישן. אָבער ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין פאַרשטאָרבענער ווייב, שמאַכעס מוטער, האָבן די שיקלדיקע אויגן אויפגעפלעמלט מיט אַ באַנגלעכן גלאַנץ.

— וואַ, פלעגט ער אַ סמאָטשקע טאָן מיט די דיקע ליפּן — זי עליה השלום, איז געווען אַ בריה און אַ מזג טוב, אַ גוטע נשמה... מיין שמאַכעלע צו לאַנגע יאָר, געראָט אַריין אין דער מאַמען טאָטש אויף טאָטש... אין דער אמתן איז שמאָכע געווען געראָטן אין ביידע, צום טאָטן מיט איר אויסזען, און צו איר מוטער מיט פריינטלעכקייט און גוטהאַרציקייט. כ׳געדענק אירע מידות, וואָס זענען, לויט מיינע באַגריפן געווען אין אַ סתירה מיט איר אויסזען; דער אויסערגעוויינטלעכער צונויפמיש פון איר אויסדען מיט אַן אומגעוויינטלעכן נאָמען, האָט מיך באַוויגן צו באַשרייבן אַ פרט פון איר לעבן — דאָס מענטשלעכע געלייטערט דורך ליידן.

איך בין געגאַנגען מיט מיין עלטערער שוועסטער רחל צו זען שמאָכען. שמאָכע האָט געהאַלטן אַ גרינוואַרגקרעמל נישט ווייט פון אונדז. ווען מיר זענען אַריין אין קרעמל האָט גענומען אַ ווײַלע ביז מען האָט זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט און דעם ספּעציפישן גערוך פון פוילעניש פון די הייפּטלעך קרויט, בינטלעך מייערן, בוראַקעס און אַנדער גרינוואַרג אָנגעוואָרפן אויף שלעכט צונויפגעקלאַפּטע פּאָליצעס, צעפּרעסענע פון אַלטקייט, באַדעקטע מיט אַ גלאַנציקן קויט. פון אַ טונקל ווינקל האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הויך, דאַר געשטאַלט פון אַ פרוי.

— וואָס ווילט איר, קינדער?... איך האָב זיך איינגעגעסן אין דער געשטאַלט מיט אומזשענירטן קינדערשן בייגיר.

— אָט דאָס איז שמאָכע?!...

אירע באַוועגונגען זענען געווען פאַמעלעכע און שאָטנדיקע. איר שטים איז געווען אַ שטילע און אַ מאָנאָטאָנע, און דערמיט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ גרעסערן פחד ווי ווען זי וואָלט געווען שטאַרק, מיט אַן אָפן געשריי. אַ חוץ אומבאַשטימטן פחד האָט שמאָכע אַרויסגערופן צו זיך אַ געפיל פון עקל. אירע דאַרע הענט און מאָגער פנים האָבן געטראָגן סימנים פון די אַלע סאָרטן גרינוואַרג וואָס זי פלעגט אַדורכוואַרפן אין משך פון טאָג. אירע אויגן, אָן מינדעסטן פונק פון לעבן אין זיי, האָבן ווי צוויי שוואַרצע פלעקן געקוקט אין חלל. אויף דער רעכטער באַק האָט זיך געשוואַרצט אַ שראַם. פון צייט צו צייט האָט זי אויפגעהויבן די רעכטע האַנט צום פנים און אַרויפגעלייגט דעם ווייזפינגער אויף דער שראַם. זי פלעגט בלייבן שטיין ווי פאַרשטאַרט אויף אַ קורצער ווײַלע, ווי אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט.

— נו, וואָס ווילט איר, קינדער?... זי האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב געטראַכט אַז איר נאָמען איז גאָרנישט אַזוי קאָמיש. ער איז טרויעריק אָבער ריכטיק.

די דאָזיקע פרוי האָט נישט געקענט האָבן אַן אַנדערן נאָמען ווי — שמאָכע. — נו, לאַהלע, האָסט געזען שמאָכען?... איך האָב מיין מוטער נישט געענטפערט.

★

מיט אומגעדולד האָב איך אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג און בין אַראָפּ אויף דער גאַס און זיך גענומען דרייען נעבן שמאָכעס געוועלבל. איך האָב זי געוואָלט זען נאָכדעם ווי זי האָט אויפגעהערט „צו פאַרזיצן”.

אין טיר האָט זיך באַוויזן שמאָכע. איר פנים איז געווען אַרומגעוואַשן. מיט אַ ניי שייטל אויפן קאָפּ, און אין אַ ריין קלייד האָט זי אויסגעזען ווי אַן איבערגעביטענע.

— לאַהלע, ווילסט עפּעס?...

זי האָט געהאַלטן די רעכטע האַנט אויפגעהויבן צום פנים, דעם ווייזפינגער אויף דער שראַם. איך האָב אָנגעהויבן שטאַמלען און רוקן זיך אויף צוריק. — לאַהלע, וואָס לויפסטו אַוועק?... קום נאָר אַהער!...

זי האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט און אַריינגעפירט אין געוועלבל אַריין. — דו ווייסט, איך האָב חתונה געהאַט... איר שטים האָט געקלונגען ווייך און אַביסל ציטערדיק. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

יאָ?... דו ווייסט?... נאַ, נעם!...

מיט אַ גיכער באַוועגונג האָט זי אַרויסגענומען פון איר טיפער קעשענע אַ מטבע. איך האָב זיך נישט גערירט צו נעמען דאָס געלט. זי האָט געשטופּט די מטבע און צוגעשמייכלט. ביים שמייכלען האָט זיך די רעכטע באַק, ווו ס׳האָט זיך געשוואַרצט דער שראַם, צעצויגן אין אַ גרימאַסע פון פיינלעכער אומבאַהאָלפנקייט — נו. נאַ דיר נעם...

פון איר פאַרקריפּלט פנים האָט דאַן אַרויסגעשלאָגן אַ שיינקייט פון אַ העכערער מדרגה, צו קאָמפּליצירט צו פאַרשטיין מיט מיין קינדערשן שכל. נישט דרייסט האָב איך געזאָגט זייער שטיל: דו ביסט שיין...

אירע טונקעלע אויגן האָבן אַ פלאַטער געטאָן און פאַרצויגן זיך מיט אַ פייכטקייט — דו ביסט אַ גוט מיידעלע, האָט זי קוים מיט די ליפּן אַרויסגעשטאַמלט, און אָפּגעקערט איר פנים פון מיר.

עטלעכע טעג דערנאָך האָט מיין מוטער געשיקט מיך קויפן עפּל. איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סצענע וואָס איז לאַנג געבליבן אין מיין זכרון. אַנטקעגן איר קרעמל איז געשטאַנען אַ געזעמל פון מענער, און מיטאַמאָל איז דאָס געוועלבל פול געוואָרן מיט יונגען אין לאַקירטע שטיוול, און אין היטלען מיט גלאַנציקע דאַשיקעס. ערשט יאָרן שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די צעווילדעוועטע יונגען זענען געווען די „חתנים” פון אַ דערבייאיק „פריילעך הייזל”. די יונגען האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן נענטער און נענטער צו שמאָכען. איינער פון די חברה, אַ יונג מיט וואָנצעס, האָט שטיקנדיק זיך פון געלעכטער געטאָן אַ פרעג מיט געמאַכטער פריינטלעכקייט:

— שמאָכעלע, דערצייל אונדז ווי איז עס צוגעגאַנגען נאָך דער חופּה... שמאָכע איז געשטאַנען אָן לשון. דער שראַם אויף דער באַק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ רויטקייט

י. מ. לעווין

# שמאָכע

**— דערציילונג —**

שמאָכע איז אַ נאָמען; אַ נאָמען פון א פרוי; אַ נאָמען נישט צו געפינען אין אַ רייסטער פון נעמען, אַן אויסטערלישער יחיד במינו.

פון מיינע פריע קינדער־יאָרן געדענק איך אַז אַ פריילעך שד׳ל האָט מיר אַלעמאָל דעם קאָפּ פאַרדרייט. צו יעדער נייער קינדערשער אַנטפּלעקונג האָט דאָס פריילעכע שד׳ל צוגעטראָגן זיין ביסל זאַלץ, וואָס לכתחילה האָט עס מיך אַמוזירט ביז לאַכן מיט טרערן; אָבער נאָכן אויסלאַכן פון אַ קאָמישער געשעעניש, צי פון אַ קאָמישן נאָמען, פלעגן קומען קינדערשע נאָכטראַכטענישן. איך האָב זיך געפרעגט — פאַרוואָס איז אַלץ ביי די גרויסע אַזוי קאַפּריעדיק?

באַזונדערס האָבן מיך פאַסצינירט אַזעלכע נעמען ווי בער, וואָלף, הירש, לייב און פישל; נעמען וועלכע וואָלטן מער געפּאַסט פאַר חיות ווי פאַר בכבודיקע באַלעבאַטים. נאָך אַ נס וואָס מ׳האָט קיינעם נישט גערופן — פערד! איך וויס נישט צי כ׳וואָלט נישט געשטאָרבן פון לאַכן ווען כ׳וואָלט געהערט אַזאַ נאָמען ווי ר׳ פערד בן אָקס!

אין מיין טאַטנס שול, אַז מ׳האָט שבת אויפגערופן צום ספר, יעמוד ר׳ דוב־בער!! האָט איך געטראַכט אַז כ׳וועל דערזען אַ שווערלייביקן פאַרשוין וואָס וועט אויסברומען די ברכה מיט א בערישע שטים... האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף אַ קליין ידעלע, הויט און ביין, מיט א פיצל בערדעלע וואָס האָט אויסגעזען ווי עטלעכע צונויפגעקנאָדערטע לאָקשן פון מיין מאַמעס קוגל, און ר׳ בער בן וואָלף האָט זיך צעשאָקלט ווי אַ לולב און מיט אַ דין סאָפּראַנדל אויסגעקוויטשעט דעם ברוך אתה.

לאַכן אין שול האָב איך נישט געטאָרט, נאָר מיין שד׳ל האָט אַרומגעבראָיעט סכנות נפשות. גלייך האָב איך רחמנות געקראָגן אויף דעם קליינעם בער בן וואָלף, ווייל כ׳האָב געטראַכט אַז ער איז מן הסתם באַגאַנגען אַן עבירה, געשפּילט זיך מיט אָנצינדן שוועבעלעך אום שבת, און גאָט האָט אים געשטראָפט מיט אַ נאָמען וואָס פּאַסט גאָרנישט צו זיין געשטאַלט.

מיט פרויען נעמען איז געווען אַ סך לייטישער, חוץ חיה און טויבע, אָדער א געמיש טויבע־חיה. ביי רייזעלע און בלימעלע האָט דאָס שד׳ל נישט געהאַט וואָס צו טאָן. לאַהלע איז געווען טאַבו, צוליב סיבות וועלכע איך קען נישט אָנגעבן. נאָר מיט איין פרויען נאָמען — שמאכע, האָט מיין שד׳ל נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן פון אַרומוואָיעווען.

ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט איר נאָמען, איז מיך באַפאַלן אַ ספּאַזמאַטיש געלעכטער. לאַכנדיק האָב איך דעם נאָמען צעטיילט אין צוויי זילבן — שמאָ־כע... און געהאַט אַ ווילדע הנאה פון דער צווייטער העלפט, פון דעם „כע”. ס׳האָט מיך דערמאָנט אין דעם ווידערקול געהערט אין דער פוסטקייט פון א נייער דירה. ווען מ׳האָט זיך אריינגעצויגן אין א נייער דירה פלעג איך סתם אַזוי אַ געשריי טאָן „האַ” — כדי צו הערן דעם עכאָ פון מיין אייגענער שטים.

נאַרישע ציג, וואָס לאַכסטו?!... אַ נאָמען איז א נאָמען... און באַלד איז געקומען אַ לעקציע אויף וואָס מיין טאַטע איז אַלעמאָל געווען גרייט. דער עיקר איז צו זיין אַ מענטש... מעג ער הייסן גרונם בן פּימסנהאָלץ... דערביי האָט דער טאַטע א שמייכל געטאָן. מיין טאַטע פאַרמאָגט הומאָר.

באַלד האָט זיך אַריינגעמישט די מאַמע. וואָס שרייסטו אויפן קינד?... נו, האָט עס אַ לאַך געטאָן... קום אהער לאהלע, וויש דיר אָפּ ס׳נעזעלע! און מיט אַן עק פון פאַרטעך אַ רייב געטאָן מיר די נאָז, אַז כ׳געדענק ביז היינט דעם וויטיק. דער נאָמען האָט מיך פאַרכאַפּט. איך בין אַרונטער אונטערן טיש און צו זיך אַליין איבערגעחזרט שטילערהייט, דער טאַטע זאָל נישט הערן: שמאָכע... שמאָכע...

אונטערן טיש איז געווען מיין מקום מקלט, דאָס אָרט פון קינדערשן טראַכטן און פון קליינע טרוימען. דאָרט האָב איך זיך אַליין דערציילט אויסגעטראַכטע מעשיות. אונטערן טיש האָב איך אומבאַמערקט געהערט טיילמאָל וועגן ענינים וועלכע מ׳באַהאַלט אויס פון קינדער, וועגן פרנסה... וועגן דעם אַז די מיידלעך, מיינע עלטערע שוועסטער, וואַקסן אונטער... און וואָס וועט זיין?... נו, אַז דו ווילסט פאַר זיי קריגן דעם גילדענעם פּרינץ — פלעגט די מאַמע אַריינוואַרפן אַ וואָרט. פאַרענדיקט האָבן זיך אַזעלכע שטילע געשפּרעכן מיט מיין טאַטנס אַ ירגזונדיקן זאָג:

ביסט אַ ידענע!... דו פאַרשטייסט נישט... זיי קענען נאָך, חס ושלום, פאַרזיצן ווי שמאכע...

רייד נישט קיין נאַרישקייטן! האָט די מאַמע שאַרף געענטפערט — אונדזערע קינדער זענען נישט שמאָכע...

עטלעכע טעג דערנאָך איז מיין מוטער א באַלאָדענע מיט פעקלעך אַ פאַרסאָפּעטע אַריין פון איינקויף און פריילעך אויסגערופן:

איר׳ט געהערט די נייעס?... שמאָכע גייט חתונה האָבן!... נישטאָ קיין באָול... אַלע אין שטוב האָבן זיך צעלאַכט. ווען?... מיט וועמען?...

שוין... שוין דעם מוצאי שבת... דער חתן איז אַן אלמן, אָן קינדער... א שמש אין אַ שטעטל נישט ווייט פון הי...

— מאַמעשי, איך וויל גיין זען שמאָכען...

— גוט, לאהלע...

אין אונדזער שטוב האָט מען זיך אָנדערציילט מעשיות וועגן איר און איר טאַטן — א מוסטער פון א מיאוסן מאַנספּערשוין. די באַקן, די נאָז און אַפילו די אויערן זענען געווען באַדעקט מיט האָר ווי ביי א מאַלפּע. איין אויג האָט געקוקט קיין מזרח, דאָס אַנדער קיין מערב, וואָס

מ. אייזענבוד

# שטילע געזאַנגען

חיים קעניגער: „פון פיר זייטן" לידער, פּאַריז 1984
140 ז"ז.

קאָן פּאָעזיע זיין מאַסן־פּראָדוקציע? דאַרף פּאָעזיע זיין צוגענגלעך פאַר אַלעמען?

עס איז דאָ אַ מין פּאָעזיע וואָס איז די פּריווילעגיע פאַר יחידים, אָן אונטערשייד — צו די יחידים זענען פּאָעטן גופא, אָדער זייערע געניסער.

חיים קעניגערס פּאָעזיע איז זיין יחידישער אויסדרוק וועגן געזעענעם; איבערגעלעבטן; אויסגעטרוימטע, אָדער אויסגעלאָשענע חלומות, וועלכע האָבן אַפילו נישט באַוויזן רייף ווערן אין חלום.

עס זענען דאָ לידער (ווייל נאָך אַלעמען דריקן זיך פּאָעטן אויס אין — לידער) וואָס די פאַרצייכענונג פון אָרט פון זייער שאַפונג; א דאַטע אונטערן ליד, גיט טייל מאָל דעם שליסל צום ליד.

אַ היפּשע טייל פון קעניגערס לידער אין בוך „פון פיר זייטן" טראָגן אויף זיך נעמען פון אָרטשאַפן און דאַטעס. עס באַקומט זיך, אַז דער פּאָעט איז געווען אַ וועלט־רייזנדער (טייל מאָל — אַ געצוווּנגענער און טייל מאָל — פרייוויליקע וואַנדערונגען).

קאָטלאַס 1941; אַבראַמקאָווא 1942; (רוסישע פּאַרשי־קונגס ערטער) וואַרשע 1945; שוועדן 1946; אופּסאַלאַ (שוועדן) 1947; פּאַריז 1950; חיפה 1980; ווייזט אויס אַז קעניגער איז אויך געווען אין מעלבורן — 1976. ניו־יאָרק, מאָנטרעאָל, טולוז און צוריק אין קרייז (ווייל די וועלט איז דאָך — נאָך אַלעמען — קיילעכדיק...)

צי זענען די לידער כאַראַקטעריסטיש פאַר די אָרט־שאַפן? אדרבא — צו וועלכער אָרטשאַפט קאָן מען צופּאַסן דאָס דאָזיקע ליד:

„מיין גדאַנק פארשטענדלעך ווערט ביינאַכט,
ער קרייזט מיט בלוט דורך דעם מוח,
אין דעם בונד פון נאַכט מיט כוח
זיך פאַראָרעמט דער מענטש
נאָר אין בלויען פרימאָרגן,
ווען איך דערוואַך —
דער גדאַנק אינעם טאָג ווערט באַגראָבן.
(זייט 18)

די דאָזיקע שורות האָבן געקאָנט מיט זעלבן אימפּעט אויסדריקן געפילן און שטימונגען אין די אַלע אויבנדער־מאָנטע אָרטשאַפטן.

דאָך האָט דער פּאָעט געהאַלטן פאר נויטיק אונדז צו אינפאָרמירן, אַז דאָס ליד האָט א שייכות צום לאַגער אַבראַמקאָוואַ אין יאָר 1942.

מיט דעם ביישפּיל וויל איך אילוסטרירן, אַז נישט די געאָגראַפיע און נישט דער קאַלענדאַר האָבן משפּיע געווען

אויף די געפילן און שטימונגען וועלכע מיר טרעפן אָן אין די לידער — און אויב יאָ — האָבן מיר פאַרפעלט עס צו באַמערקן.

חיים קעניגערס לידער זענען שטילע געזאַנגען אין וועלכע דער דיכטער ברענגט צום אויסדרוק יחידישע געפילן, אָן פאַרבינדונג מיט צייט און רוים.

יעקב ראָזענבערג

# א מענטש צו א מענטש...

אַ מענטש צו אַ מענטש,
איז אַ וואָלף צו אַ וואָלף —
טענהן אַ טענה די רוימער.
נאָר גאָט האָט געבענטשט
מיט בחירה דעם מענטש,
חלומען יידישע טרוימער.

אַזוי חלומען יידישע טרוימער
אַ טרוים,
נאָך פון ששת ימי בראשית,
גאָט האָט פאַרטריבן דעם חושך
מיט ליכט,
און ניט מיט פלאַמען
פון שרפות.

ניט ס'פייער פון שרפות
ליכטיקט דעם ייד
געצונדן פון רוימישע
רוחות —
נאָר ס'ליכט פון אַ וואָרט
אין אייביקן ליד,
געהאַמערט אויף שטיינערנע
לוחות.

דאָס ליכט פון אַן אות,
דער טעם פון אַ וואָרט,
פון זיסע יידישע אותיות,
אַזוי ווי אַ וויין
פון הכמה געשטעלט,
וואָס שפּילט
אין גילדענע כוחות.

אַ מענטש צו אַ מענטש,
איז אַ וואָלף צו אַ וואָלף —
אַן אַלטע טענה פון רוימער,
נאָר גאָט האָט געבענטשט
מיט בחירה דעם מענטש,
אַ חלום פון יידישע טרוימער...

אַנטוויקלט בײַ זיך אין די יאָרן פון האַרוואַרד און זײַן דינסט אין דער אַמעריקאַנער קענעדי־אַדמיניסטראַציע, יונ״אָ און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן.

זײַן בוך קלינגט לסוף ווי אַן אַנטוישונג אין דער אידעאַליסטישער וועלט וועלכע ער האָט זיך אויסגעטרוימט און געמיינט, אַז זײַן דערוואָרבענער גרויסער וויסן איז גענוג כדי צו איבערצייגן פעלקער און מענטשן צו גיין אויפֿן וועג פון פאַרשטענדיקונג און שלום. פּיסאַר זעט אײַן, בײַם סוף פון בוך, אַז די וועלט איז נישט בעסער געוואָרן. דער דעסטרוקטיווער אײַנפלוס פון אַן אידעאָלאָג פון הונדערט יאָר צוריק, קאַרל מאַרקס, ווירקט זיך הײַנט אויס פיל שטאַרקער ווי סעם פּיסאַרס הײַנטיקע הויסע חלומות און פאַרשטעלונג, אַז מען קען רוסלאַנד „אײַנגעמען" מיט דער הילף פון האַנדל. די רײַכע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות וועלן זיך טיילן מיט די אָרעמע פעלקער פון דער „דריטער וועלט" און אַלע וועלן ווערן גוט און פרום. דאָס רעאַלע לעבן האָט באַוויזן, אַז דער נעמער פילט נישט קיין דאַנקבאַרקייט צו דעם וואָס גיט: גיכער ענטפערט ער מיט אַ ביס אין האַנט. דאַרף מען ברענגען בײַשפּילן דערויף פון אונדזער צײַט?

עס איז נאָך אַלץ אמת לענינס ווערטל: „מיר וועלן אויפהענגען אַלע בורזשויען"... ווען דער ציניקער קאַרל ראַדעק האָט אים געפרעגט: „פון וואַנען וועסטו נעמען אַזוי פיל שטריק?" — האָט דער כיטרער לענין געענטפערט: „די בורזשואַזיע וועט אונדז צושטעלן"...

דאָס דאָזיקע „צושטעלן" גייט אָן אַלע יאָרן: רוסלאַנד נעמט און נעמט. זיי האָבן אויפגעבויט די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע הערשאַפט פון אַלע צײַטן, בעת אַנדערע (ענגלאַנד, האָלאַנד) זענען פאַרשוואונדן. זיי נעמען אָבער גיבן אַוועק (נישט חס־ושלום אָן באַצאָלט) האַרמאַטן, טאַנקן, אַעראָפּלאַנען. דאָ איצט, אין עטיאָפּיע: בעת די נאַרישע אַמעריקאַנער, און אויסטראַליער, שיקן שפּײַז — שיקט רוסלאַנד „הילף": אַעראָפּלאַנען, אויטאָס, וועלכע קענען נוצן פאַר מיליטערישע צוועקן, פאַר עקספּאָרטירן רעוואָלוציעס בעת זייערע פעלקער הונגערן. איז דערפאַר אַ וואונדער, ווען די אַמעריקאַנער מלוכה־מענער ווילן מער זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן און גייען אָן מיט זייער באַוואָפענונגס־געיעג, נישט אָפּשרעקנדיק זיך פאַר דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פון אַלע סאָרטן אינטעלעקטואַלן, טייל ערלעכע און אַנדערע פּשוטע שווינדלער, וועלכע זענען שטענדיק גרייט צו דינען דעם סאָוויעטישן מולך?

איז סעם פּיסאַר נישט געפאַלן אַ קרבן, אין 1939, פון דעם פאַרברעכערישן סטאַלין־היטלער פּאַקט, ווען ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער דײַטשער, שפּעטער סאָוויעטישער און דאַן ווידער אין דער דײַטשער מלחמה־מאַשין?

סעם פּיסאַר איז געראַטעוועט געוואָרן דורך אַן אַמעריקאַנער נעגער, וועלכער האָט אים אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן טאַנק. מיך און מײַן פרוי און טאָכטער האָט געראַטעוועט די אַטאָם־באָמבע אויף הירָאָשימאַ און נאַגאַסאַקי, וואָס אָן זיי וואָלט יאַפּאַן נאָך לאַנג אָנגעגאַנגען מיט דער מלחמה און עס וואָלט געקאָסט די לעבנס פון הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער, וועלכע זענען געקומען קיין שאַנכיי כדי אונדז צו ראַטעווען. פּיסאַר פילט אַ דאַנקבאַרקייט צו דער אַמעריקאַנער אַרמיי פאַרן ראַטעווען אים; ער פילט באַוואונדערונג פאַר דער גרעסטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט, וועלכע האָט אים אַדאָפּטירט (דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָט דורך אַ ספּעציעלן געזעץ אים אָנערקענט, פאַר דער אָנגענומענער צײַט, די אַמעריקאַנער בירגערשאַפט) און איך פיל ביז הײַנט אַ דאַנקבאַרקייט, אויך פאַר דער אַמעריקאַנער אַרמיי, פאַרן ראַטעווען מיך פון אַ זיכערן טויט. יאָ, דורך דער אַטאָם־באָמבע... בעתן „פאַרברענגען" זעקס יאָר אין שאַנכיי.

אַז איך האָב מיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די שײַנע אידעאָלאָגישע מיינונגען פון סעם פּיסאַר, וויל איך אים דאָך אויסדריקן אָנערקענונג פאַר דערמעגלעכן זײַן בוך זאָל דערשײַנען אין יידיש. הונדערטער יידיש־לייענער וועלן זיך פרייען מיט דעם גרויסן דערפאָלג פון דעם ייִנגל פון אוישוויץ; מעלבורנער יידן, וועלכע געדענקען סעם פּיסאַרס אָנקומען קיין מעלבורן (זייער צאָל איז שוין שטאַרק רעדוצירט...), וועלן שטאָלץ זײַן מיט זייער מולקע, און געוויס שטאָלצירט מיט אים זײַן פעטער אלעזר סוכאָוואָלסקי, וועלכער האָט אַרײַנגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט און מי, כדי דאָס בוך זאָל דערשײַנען אין יידיש.

מײַן אויפריכטיקע אָנערקענונג, פרײַנד אלעזר.


דער פאַמיליע

# ראָזענקראַנץ

און

# אסתר אַלבערט

צו די תנאים פון זייערע קינדער

לייבל גאָלדמאַן

מיט

יהודית ראָזענקראַנץ

אונדזער האַרציקן מזל־טוב — ווינטשן

**אידאַ און בנימין ווייסמאַן**

מען קיין אויסטראַליע. אַז ער האָט זיך שוין געלאָזט אָבּרעדן און מסכּים געווען צו קומען (ער האָט זיי געטאָן די טובה...), האָט ער די פעטערס געשטעלט אַן אולטימאַטום: זיי מוזן אַראָפּנעמען בענעקן און ניקאָ, דעם האָלענדישן יידישן בחור, וועלכער איז געווען זייער מדריך אין אוישוויץ. די פעטערס האָבן אָנגענומען זיין פאַרלאַנג און צוגעזאָגט אַראָפּצונעמען צו ערשט בענעקן. זיי האָבן דעם צוזאָג געהאַלטן, אָבער פאַר ניקאָ האָבן זיי גאָר נישט געקענט טאָן צוליב זיינע דאָקומענטן וועלכע זענען נישט געווען אין אָרדענונג.

פּיסאַר באַשרייבט די באַגעגעניש צווישן אים און דעם פעטער נחמן, וועלכער איז אים אַקעגנגעפאָרן קיין סינגאַפּור כּדי אויפצונעמען דעם ניי־געפונענעם גליד פון דער פאַרניכטעטער משפּחה אין ביאַליסטאָק. איך קען נישט נאָך אַזאַ פאַל, אין דער געשיכטע פון דער נאָכמלחמהדיקער יידישער אימיגראַציע, אַז א קרוב זאָל פאָרן אַזש קיין סינגאַפּור כּדי צו „כאַפּן א שמועס", ווי עס האָט געזאָגט צו אים דער פעטער נחמן, מיט דעם ניי־אָנגעקומענעם קיין מעלבורן.

סעם פּיסאַר איז דאָ אין מעלבורן אריינגעפאַלן אין דער וואַרעמער משפּחה פון די סוכאָוואָלסקיס וועלכע האָט געהוכעט איבער אים ווי איבער אַ טייערן אוצר. די פעטערס צוזאַמען מיט דער מומע רחל, נחמנס פרוי, האָבן געזאָרגט פאַר זיין מאַטעריעלן און גייסטיקן וואוילזיין. עס איז געווען אין דעם נישט בלויז א וואַרעמקייט צו אַן אייגענעם משפּחה־מענטש, נאָר אויך ווי זיי וואָלטן געוואָלט געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר זייער גוטן לעבן אין דער פרייער אויסטראַליע, בעת יענע משפּחה־מיט־גלידער, און כּלל־ישׂראל בכלל, האָבן אַדורכגעמאַכט דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

מ'האָט דעם יונגן בחור אָפּגעגעבן לערנען אין טיילאָרס קאָלעדזש, כּדי צו דעריאָגן די פאַרלוירענע מלחמה־יאָרן, און מאַכן מאַטורע. סעם האָט עס געמאַכט און איז אָנגעקומען אין מעלבורנער אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאַקולטעט. זיין מענטאָר איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי פּראָפעסאָר זלמן קאָהען. דער בחור האָט זיך גוט געלערנט, געגאַנגען שנעל פאָראויס, אָבער דאָ איז געקומען א פּריש אומגליק: סעם איז קראַנק געוואָרן. די דיאַגנאָז — טובערקולאָז, און מען דאַרף אים נעמען אין שפּיטאָל אויף צוויי יאָר. נחמן און רחל האָבן אָבער באַשלאָסן צו נעמען די ריזיקע און אים האַלטן אין שטוב, אין אַ דרויסנדיקער שטוב, אָפּגעזונדערט פון די צוויי קלענערע קינדער, שמחה און עטל, וועלכע האָבן געקענט לייכט אָנגעשטעקט ווערן מיט דער שרעקלעכער קראַנקהייט. אָבער סעם פּיסאַר האָט אָט די צוויי יאָרן אין איזאָלאַציע נישט פאַרפּושט. ער האָט געמאַכט די לעקציעס, די אויפגעגעבענע ליטעראַטור פון אוניווערסיטעט, און אין איין וועג געלייענט — געלייענט אַלץ וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט: שעקספּיר, געטע, באַלזאַק, דאָסטאָיעווסקי, קאָנראַד, העמינגוועי און נאָך. ער האָט אויף דעם אופן זיך הערוואָרבן אַן אינטעליגענץ און וויסן ווייט

פון דער דורכשניטלעכקייט אין אוניווערסיטעט. ער האָט דעם אוניווערסיטעט געענדיקט מיט די בעסטע מיינונגען. דאָ האָט אים ווידער דאָס מזל צוגעשפּילט: דער ערנהאַפטער פּראָפעסאָר קאָהען האָט אים פאַרשאַפט אַ סטיפּענדיע אין באַרימטן האַרוואַרד אוניווערסיטעט און האַרוואַרד איז, ווי באַוווסט, אַ פּאַספּאָרט צו דער וועלט.

דערווייל איז געשען אַן אומגליק אין דער משפּחה: אין מיטן יאָר 1952 איז דער גוטער פעטער נחמן אויף זיינע הענט געשטאָרבן פון אַן האַרץ אַטאַק. דער שוין ניינצן־יאָריקער בחור האָט דערפילט ווי א שטיק פון זיין איבערגעבליבענער וועלט איז אונטערגעגאַנגען. איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, נישט וועלנדיק נעמען קיין געלט ביי דער געטרייער מומע רחל, **וועלכע איז סוף כּל** סוף געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער.

אין האַרוואַרד־אוניווערסיטעט מוז מען אַרבעטן שווער, כּדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק לגבי דער גרויסער צאָל אינטעלעקטואַלן וועלכע קומען אַהין פון אַלע עקן וועלט. עס איז נישט גענוג צו גיין אויף די אויסגעטראָטענע וועגן און מען מוז פּרובירן זיך שאַפן אַן אייגענעם אידייען־סיסטעם. באַרייכערט מיט די טרויעריקע דערפאַרונגען אין דעם אוישוויץ־פּלאַנעט, האָט ער געזוכט אַ וועג ווי אַזוי אויסצומיידן די פריערדיקע אומגליקן; אַז די צוקונפט פון דער מענטשהייט זאָל זיין אַ ליכטיקערע ווי זי איז געווען פריער אין די כלומרשט רואיקע יאָרן ביז 1939, און אוודאי פון דעם וואָס איז געשען מיט יידן און דער וועלט פון 1939 ביז 1945.

סעם פּיסאַר פלעכט אַדורך אין זיין בוך ביאָגראַפישע פּאַסירונגען פון זיין לעבן מיט פילאָסאָפיש־פּאָליטישע מעדיטאַציעס ווי אַזוי צו העלפן די פעלקער צו דערגרייכן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. ער האָט פּרובירט עס אָפט מאַכן מיט דער הילף פון שמועסן — ריכטיקע אָדער אימאַזשינירטע — מיט זיין געטרייען פריינד פון די אוישוויץ־יאָרן בענעק קופּמאַן. דער לעצטער איז פאַר אים די שטים פון דעם פּאָלקסטימלעכן ייד פון ביאַליסטאָק, וועלכער איז טראָגט אַלע פּורעניותן אין די פאַרניכטונג־לאַגערן און די שפּעטערדיקע דערפאָלגן אין דער האַנדלס־וועלט און אין אויפבויען אַ נייע משפּחה אין דעם ווייטן לאַנד אויסטראַליע, געבליבן דער האַרציקער יידישער מענטש, געקנופּט און געבונדן מיט דער יידישער סביבה אין מעלבורן.

בעת פּיסאַר פאַרקערט אין דער אינטעלעקטועלער וועלט פון אַקאַדעמיקער און דיפּלאָמאַטן, געפינט זיך בענעק קופּמאַן אויף דער ערד אין אויסטראַליע. ער באַגעגנט דאָ יידן וועלכע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה נישט ווי זיי ביידע — אין אוישוויץ, נאָר בענעק געפינט דאָ יידן געקומענע פון רוסלאַנדס פאַרשיקונגס־ערטער און „פּאַשאָלקעס" און דאָס באַשטימט אין א גרויסער מאָס בענעקס רעאַליסטישן בליק אויף דער היינטיקער וועלט. ער טיילט נישט פּיסאַרס אידעאַליסטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מערב און מזרח און ער זעט אין זיי אין בעסטן טייל א נאַאיוויטעט וועלכע פּיסאַר האָט

הערשל באַכראַך

# „װעגן בלוט און האָפֿענונג" — פֿון סעם פּיסאַר — אין ייִדיש

איך מוז זיך מודה זײַן צו אַ שוואַכקייט: ווען איך דערהער דעם נאָמען שמואל פּיסאַר — און מ'האַרט פֿון אים גענוג אָפֿט — ציטער איך אויף מיט אַ מאָדנער בייגעריקייט. דער נאָמען איז זינט מײַן אָנקומען קיין אויסטראַליע מיר גוט באַקאַנט און אַז איך לייען וועגן זײַנע דערפֿאָלגן פֿריי איך מיך צוליב צוויי סיבות: ער איז אַ „ייִנגל פֿון אוישוויץ" און ער איז אונדזער אַ לאַנדסמאַן, אַ מעלבורנער, דאָס אָרט ווו ער האָט געקראָגן די ערשטע געפֿילן פֿון משפּחהדיקער וואַרעמקייט, נאָך די שרעקלעכע יאָרן פֿון לעבן אונטער די פֿליגל פֿון טויט אין אוישוויץ; דאָ אין מעלבורן האָט ער אָנגעהויבן זײַנע יוגנט־יאָרן וועלכע ער האָט באַדאַרפֿט צוריק אויפֿבויען נאָך די חרוב געוואָרענע קינדער־יאָרן וואָס זענען איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן פֿון זײַן וואַקסן.

די לעבנס־געשיכטע פֿון סעם פּיסאַר איז אַ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר אַ בוך — און וואָס גייט הײַנט צו טאָג נאָך דעם — און שפּעטער אַ פֿילם וועגן אַ מענטש וועלכער איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצער פֿון היטלער־חורבן און האָט אָנגעהויבן זײַן גאַנג אַרויף צו אַ דערפֿאָלגרייכן שטײַגן העכער און העכער און לסוף דערגרייכט אַ דערפֿאָלגרייכע קאַריערע אין זײַן נײַעם לעבן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1945.

די ווערטער ווערן געשריבן אין שייכות מיטן דערשײַנען פֿון זײַן בוך „וועגן בלוט און האָפֿענונג" אין דער ייִדישער איבערזעצונג פֿון זײַן פֿעטער אלעזר סוכאָוואָלסקי. אין ישראל, ווו דאָס בוך איז איצט דערשינען, האָט עס אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע, הגם דער אָריגינאַל פֿון בוך איז דערשינען אין ענגליש — און שפּעטער — אין פֿראַנצויזיש, דײַטש, איטאַליעניש, יאַפּאַניש און העברעאיש — שוין אין יאָר 1979. צו אָט דער געלעגנהייט איז פֿאָרגעקומען אין „בית־התפוצות" אין תל־אביב אַ גרויסע פּייערונג און קינד און קייט פֿון ייִדישן תל־אביב זענען געקומען הערן פּיסאַרן רעדן אין ייִדיש. עס זענען געקומען די ביאַליסטאָקער לאַנדסלײַט, די מעלבורנער אַדאָפּטירטע לאַנדסלײַט און די שארית הפּליטה צו וועמען עס איז דערגאַנגען דער קלאַנג פֿון דעם נאָמען סעם פּיסאַר, דאָס אוישוויצער ייִנגל וואָס „האָט גוט געמאַכט".

הגם איך האָב דאָס בוך געלייענט אין ענגליש מיט זעקס יאָר צוריק, האָב איך עס איצט ווידער געלייענט מיט אַ נישט קלענערן אינטערעס און געפֿונען אין אים מער אינטימקייט. הגם דער מחבר באַוואָרנט זיך, אַז ער האָט נישט קיין שטימונג פֿאַר אַ גענויער באַשרײַבונג פֿון זײַנע פֿיר יאָר אונטער דער נאַצי־הערשאַפֿט, זענען אָט די פּרטים פֿון זײַנע אוישוויץ־יאָרן פֿיל אינטערעסאַנטער. עס איז קיין מאָל נישט גענוג צו באַשרײַבן דעם גיהנום־טאָל פֿון די היטלערישע פֿאַרניכטונג־לאַגערן. מיר מיינען אַז עס איז נאָך נישט אַלץ באַקאַנט געוואָרן וואָס עס טאָר קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן. יעדער לעבנגעבליבענער פֿון יענע יאָרן און יענע מקומות איז דורכגעגאַנגען דאָס גיהנום אויף אַן אַנדער אופֿן. נישט בײַ יעדן, אַפֿילו אין זעלבן אָרט און צײַט, איז געשען דאָס זעלבע וואָס בײַ דעם צווייטן, יעדער פֿון אונדז האָט עפּעס צו דערציילן וואָס מען ווייס נאָך נישט, כאָטש טייל מענטשן מיינען אַז מען ווייסט שוין אַלץ, אַז עס איז שוין גענוג.

דאָך דאַרף מען דאַנקבאַר זײַן פּיסאַרן און זײַן פֿעטער אלעזר פֿאַרן אונטערטראָגן דאָס דאָזיקע בוך פֿאַר דעם ייִדיש־לייענער. אָט פֿאַר זיי וועט עס זײַן אַ נײַ געשעניש און זיי וועלן עס אויפֿנעמען מיטן זעלבן ציטער וועלכן מיר האָבן דורכגעפֿילט בעת לייענען דאָס בוך מיט יאָרן צוריק.

★

שמואל פּיסאַר האָט געהאַט מזל, הגם ער פֿאַרגעסט נישט אויף קיין איין מינוט דאָס וואָס ער האָט פֿאַרלוירן: די טאַטע־מאַמע און זײַן קליין שוועסטערל פֿרידעלע, דאָך איז ער געבליבן לעבן. אַ נעגער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון זײַן אַמעריקאַנער טאַנק און אים אַרײַנגעכאַפּט, דעם 16־יאָריקן ייִנגל, בעת ער איז אַנטלאָפֿן אונטער אַ האָגל פֿון קוילן פֿון די ס. ס.־באַנדיטן, וועלכע האָבן מיטגעשלעפּט די פֿאַרמוטשעטע געפֿאַנגענע אויף זייער אייגענעם לעצטן וועג.

פֿון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן זײַן וואונדערלעכע קאַריערע אויפֿן וועג פֿון יוגנטלעכע באַנײַאונג, די זעלבע דרייסטקייט און אײַנפֿאַלערישקייט וועלכע איז אים בײַגעשטאַנען אין די לאַגערן — הגם, ווי געזאָגט, ער דערציילט וועגן דעם נאָר בקיצור — האָט אים אויך דאָ, אין דער נײַ־דערוואָרבענער פֿרײַהייט, אין דעם כאַאָטישן נאָך־מלחמה דײַטשלאַנד, אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן וועג פֿון דערפֿאָלג, זאָל זײַן דערפֿאָלג אויפֿן שוואַרצן מאַרק, אַבי דערפֿאָלג. דאָ האָט ער ווידער געהאַט מזל: עס האָבן אים אָפּגעפֿונען אַ מומע (דער מאַמעס שוועסטער) אין פּאַריז און צוויי פֿעטערס, דער מאַמעס ברידער, נחמן און אלעזר סוכאָוואָלסקי אין מעלבורן. די מומע באַשע און פֿעטער לעאָ אין פּאַריז האָבן אים אַרויסגעקראָגן פֿון דער באַרימטער תּפֿיסה אין לאַנדסבערג (ווו היטלער איז געזעסן אין די אָנהייב־צוואַנציקער יאָרן פֿאַר זײַן מינכענער פּוטש) און ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז מיט זײַן געטרײַען ליידנס־חבר פֿון ביאַליסטאָק, בענעק קויפֿמאַן. נאָך די ערשטע וואַרעמע טעג אין דער שטוב פֿון דער מומע באַשע, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די אַלאַרמירנדיקע אײַנלאַדונגען פֿון די אויסטראַלישע פֿעטערס ער זאָל קר־

די באַצייכענונג סאָציאַל־דעמאָקראַטיש געווען ממש א זידל־וואָרט.

די דייטשע אַרבעטער (די סאָציאַל־דעמאָקראַטן) האָבן, אין פאַרגלייך מיטן פוילישן אַרבעטער, געלעבט ווי קליינבירגער, און זייער באַגריף וועגן סאָציאַליזם איז נישט געווען פאַר באַלדיקע, ראַדיקאַלע ענדערונגען. זיי האָבן זיך אויך נישט באַגייסטערט פאַר דער לאָזונג פון: „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

אַ טייל — א היפּשער טייל וואָלט איך געזאָגט — פון די נעכטיקע אָנהענגער פון דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן און די סאָוויעטישע פאַרשיקונגען, האָבן באַוויזן אויפצובויען זייער עקזיסטענץ אין די מערבדיקע לענדער און אין איין וועגס — אַריינכאַפּן זיך אין קלאַס פון די קליינבירגער; טייל אַפילו — צווישן דער נייער בורזשואַזיע.

אין גײַיִק נאָך מאַטעריעלע ווערטן (ווייל ווידער: ניט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש) איז פאַר זיי דער באַגריף: סאָציאַליזם געבליבן ווי עפּעס אַ פעלער פון א קינדער־קראַנקהייט, פון וועלכן מען קאָן נישט פּטור ווערן.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אַרוועל האָט פאַרטראַכט זיין ווערק „1984" איז עס נישט געווען ווי א וואָרענונג צו די מאַסן וועגן די איבלען פון דיקטאַטאָרישע רעזשימען, נאָר קודם ווי א לעקציע פאַר אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ווי אַ העכערע קאַסטע איבער די מאַסן, און זיך געקלאַמערט אין די לינקע אידייען. אַרוועל האָט געוואָרפן די אינטעלעקטואַלן א „הענטשקע אין פנים" ווי אַן אַרויסרוף צו קאָנפראָנטירן די ווירקלעכקייט אין וועלכער זיי פירן און פאַרפירן די מאַסן.

אַ היפּשער טייל פון די אינטעלעקטואַלן (אין 1984) האָבן זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון דער אינטעלעקטואַלער קינדער־קרענק פון די דרייסיקער יאָרן — טראָץ דעם ווי זיי האָבן שוין געזען ווי אַזוי עס פונקציאָנירן דיקטאַטאָרישע רעזשימען (דער היטלעריסטישער און דער סטאַליניסטישער).

נאַטירלעך, אַז מען רעדט היינט אין דער מערצאַל: מיר סאָציאַליסטן — מיינט עס שוין: אַנטי־אַמעריקאַניזם; אַנטי־אוראַניום; אָנהענגער פון די „גרינע" און דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג (און פּראָזעאָלאָגיע) וואָס קומט דערמיט.

זייער ווייניק יידישע אַרבעטער (אַזעלכע זענען נאָך אויך דאָ) באַנוצן זיך היינט מיטן באַגריף: מיר סאָציאַליסטן. צווישן די, וועלכע נוצן עס יאָ, קאָן מען געפינען נישט ווייניק קליינבירגער וועלכע פאַרמאָגן פאַבריקן, געשעפטן אָדער אַנדערע אונטערנעמונגען, וווּ זיי באַשעפטיקן אַרבעטער. זיי האָבן די פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן צו קאָנען באַפרידיקן (אין מיניאַטור) אַ טייל פון זייער הומאַניסטישע אידייען. זיי לאָזן אָבער דעם באַגריף סאָציאַליזם נישט אַרויס פון דער ראַם פון א לאָזונג, און נוצן עס ווי אַ פאַרטרייבונגס־מיטל פאַרן אייגענעם געוויסן.

די כינעזער, וועלכע ליידן נישט פון דער אייראָפּעאישער קינדער־קראַנקהייט, זענען נאָך יאָרן עקספּערימענטירן מיט סאָציאַליסטישע דאָגמעס געקומען צום אויספיר, אַז:

„מיר קאָנען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די טעאָריעס פון מאַרקסן און לענינען צו לייזן אונדזערע פּראָבלעמען אין דער מאָדערנער צייט".

אָבער יידישע קליינבירגער זענען נישט קיין כינעזער.

דער קלאַס פון מאָדערנע קליינבירגער קלאַמערט זיך אין אַן אלטער אידיי, וועלכע האָט מיט זיי א קנאַפּן שייכות.

די אידיי איז ווי דער בגד פון א דערוואַקסענעם — אָנגעטאָן אויף א קליין קינד. קיינער האָט נישט געהאַט אין זין צוצושנײַדן עס, און צופּאַסן פאַר די נייע באַדינגונגען.

פּלאָנטערט זיך נעבעך דאָס קינד אין דעם בגד, פּלאָנטערט מיט די פיס (אָדער מיטן צונג...) און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן.

## חיים קעניגער

# אין וואַלד

פאַרטוליעט עס האָט אונדז אין וואַלד
דער שאָטן פון ביימער און צווייגן,
און גליקלעך אין זייער געהאַלדז —
מיר האָבן געליבט זיך אין שווייגן.

א שנעלער, אַ קילער, אַ וואַלד ווינט,
געהאָלפן די פייגל האָט זינגען.
מיר האָבן פאַרגעסן די זינד
און גוט איז געווען אונדז אין זינגען.

פאַרנאַכט האָט אַן עכאָ פון וואַלד
גענומען די פייגל דערשרעקן.
מיר האָבן דערפילט אַז ס'איז קאַלט —
און איך האָב געפרוווט דיר פאַרדעקן.

(פון בוך „פון פיר זייטן")

---

## דאָרע שטראַוך

# יאָרן לויפן

יאָרן לויפן.
ווידער אַ ניי יאָר.
אין האָפענונג מען דערוואַרט
בעסער זאָל אויסזען די וואָר.

דו וועלט, דו פאַרנעפּלטע —
דיינע מענטשן — פול מיט שנאה
ווו איז דער ריכטיקער מענטש ביי דיר?
עס געוועלטיקט דאָך אַזוי פיל קנאה.

מען האָפט נאָך אַלץ און מען וואַרט —
שלום זאָל באַהערשן די וועלט.
די צוקונפט — אַ שיינע פאַר דורות
זאָל בליען אין ברידערלעכן געצעלט...

דאָס וועט באַגרענעצן די מעגלעכקייט פאַר דייטשע ייִדן צו עמיגרירן. אין די לעצטע חדשים פון 1940 האָבן פאַרזיגלטע צוג טראַנספּאָרטירט דייטשע ייִדן קיין שפּאַניע און ליזבאָן. אין מאַי 1941 האָט גערינג פאַראָרדנט צו פאַרשנעלערן די עמיגראַציע פון ייִדן פון דעם פּראָטעקטאָראַט בעהמען און מאַראַוויע „ווי ווייט מעגלעך טראָץ די קריגס־שוועריקייטן".

דעמאָלט האָבן די דייטשן נאָך געגלויבט אַז די אַליִירטע מלוכות וועלן אַקצעפּטירן די פאַרטריבענע ייִדן אין לענדער אויסערהאַלב אייראָפּע. פּראָפ. דאַווידאָוויטש איז אַ קאָמפּעטענטער היסטאָריקער און ווייזט דאָס אַלץ. אלא וואָס... עס זעט אויס זי דאַרף האָבן אַזאַ פעלשונג פון היסטאָרישן אמת (די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון ייִדן. דער אָביעקטיוו שוין אין סעפּ. 1939) פאַר גאַנץ אַנדערע צוועקן.

צו דעם דאָזיקן חשד איז דער שרייבער פון די שורות געקומען נאָכן לייענען דעם צווייטן טייל פון סאָל שטערנס אָפּהאַנדלונג וועגן פּראָפעסאָר ווייִמאַנס בוך „אַבענדאַנמענט אָף די דזשוס" (דהי וויקענד אויסטראַליען מאַגאַזין 12־13 יאַנואַר 1985). סאָל שטערן באַשולדיקט לוצי דאַווידאָוויטשן, אַז זי איז דער אַפּאָלאָגיסט פאַר דעם ייִדישן עסטאַבלישמענט אין אַמעריקע: פאַר סטיוון וויִז, סאָל בלום, נחום גאָלדמאַן, ראָזענמאַן א.אַ.וו. ער באַשולדיקט זי אויך אין איינזייטיקע סעלעקציעס.

דער חשד איז, אַז אויב מען זאָל אָננעמען אַז די „ענדלייזונג" איז שוין געווען דער אָביעקטיוו אין סעפּטעמבער 1939, קאָן מען מער נישט האָבן קיין טענות צום אַמעריקאַנער ייִדישן עסטאַבלישמענט אַז זיי האָבן גאָרנישט געטאָן צו העלפן די ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן פון טויט אין אייראָפּע.

לוצי דאַווידאָוויטש געהערט בלי ספק צו די חשובע ייִדישע היסטאָריקער, אָבער זי זעט אויס צו זיין נאַיִוו ווען זי באַהויפּטעט (אין דער הקדמה) אַז ווען א היסטאָריקער פאַרנאַטירט נישט געוויסע געשעענישן פאַרשווינדן אַזעלכע געשעענישן פון דער געשיכטע. — עס זענען מער נישט די צייטן פון דעם יעזואיטישן כראָניקלער. עס עקזיסטירט אויך נישט אין דער הײנטצייטיקער פּריִער, דעמאָקראַטישער וועלט קיין קאַרטעל אָדער אַ קאָנספּיראַציע פון היסטאָריקער. דאָס פריִער ציטירטע בוך „אַבענדאַנמענט אָף די דזשוס" איז אַ באַווייז אַז דער היסטאָרישער אמת לאָזט זיך נישט פאַרטושן.

פּראָפעסאָר דייוויד ווייִמען (אַ קריסט, האַרוואַרד היסטאָריקער) האָט אין זיין בוך צעשמעטערט די לעגענדע פון דעם גרויסן „הומאַניטאַרער און ייִדן פריינד" פרענקלין ד. רוזוועלט און אַוועקגעשטעלט דעם אַמעריקאַנער ייִדישן עסטאַבלישמענט צום שאַנדסלופּ פאַר דעם מיאוסן פאַרראַט פון זייערע ייִדישע ברידער אין דעם היטלער גיהנום. גלייכצייטיק האָט דאָס בוך אַריינגעוואָרפן די ייִדישע היסטאָריקער - אַפּאָלאָגיסטן אין אַן אומהיימלעכע פאַרלעגנהייט.

---

שלום ג.

# סתם גערעדט...

„נישט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש" — דעם דאָזיקן זאָג באַנוצט מען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, כדי דערמיט צו באַגרינדן א מיינונג; מאַכן אַן אויספיר אין אַ דיסקוסיע. אַ סאָוויעטישער שרייבער (דודינצעוו) האָט אַפילו פאַרעפנטלעכט אַ בוך מיט דעם דאָזיקן נאָמען (אין די כרושטשעווישע ליטעראַרישע האָניג־טעג) וואָס האָט באַהאַנדלט די פּראָדוקציע פון... רערן.

אין ליכט פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט פון אונדזערווירקלעכקייט, זעט די פראַזע אויס ווי אַ פּראָדוקט פון מענטשן, וועלכע האָבן אין זייערע הענט קאָנצענטרירט די לעבנס־נויטיקע רייכטימער, אָן זיך צו וועלן טיילן מיט זיי.

ווען די הונגעריקע מאַסן זענען אַרויס מיט דער גערעכטער פאָדערונג, אַז אין אייערע שפּייכלערס באַהאַלט איר תבואה פאַר ספּעקולאַציע אָדער פּראָפיטן, און מיר און אונדזערע קינדער הונגערן — האָט מען זיי געגעבן צו דערקלערן, אויף אַ פילאָסאָפישן אופן, אַז א מענטש איז נישט קיין בהמה, און במילא דאַרף ער האָבן העכערע אַספּיראַציעס, וויילע:

„נישט מיט ברויט אַליין לעבט אַ מענטש".

וואַרשיינלעך איז עס שוין אין דער טבע פון קליינבירגער, וועלכער גראַוויטירט צווישן דער בורזשואַזיע און דעם אַרבעטער־קלאַס צו געפינען באַגריפן פון עטישן ווערט, כדי דאָס געוויסן זאָל אים נישט שטערן אַנגיין מיט אויסברייטערן זיין פאַרמעגן. דאָס אָנזאַמלען רייכטימער איז אים נויטיק ווי אַן אויסגאַנגס פונקט צו ווערן אַקצעפּטירט אין בורזשואַזן קלאַס.

סאָציאַליזם האָט אויך געהערט צו די אימפּאָזאַנטע אידייען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטערשאַפט. ספּעציעל זענען אין סאָציאַליזם געווען „פאַרקאָכט" די אונטערוואַקסנדע ייִדישע יוגנט אין פּוילן צווישן בײדע וועלט־מלחמות.

די יוגנט האָט שוין באַוויזן אין א געוויסער מאָס צו באַקומען וועלטלעכע בילדונג; באַקומען א באַגריף וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. די יוגנט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין נייעם גלויבן פון דער וועלט־דערלייזערישער אידיי. דאָס איז געוואָרן די נייע רעליגיע באַגלייט מיט אַלע נעגאַטיווע שטריכן פון דער רעליגיע פון זייערע טאַטעס און זיידעס.

מען איז טאַקע נישט איין מאָל געווען הונגעריק, מחמת דער לעבנס־סטאַנדאַרט אין פּוילן איז געווען א נידעריקער און די אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר ייִדישע אַרבעטער — ביז גאָר באַגרענעצט. האָט מען געלייגט האָפענונג אויף דער גרויסער אידיי, ווייל:

„נישט מיט ברויט אַליין לעבט א מענטש".

פאַר אָט די יונגע, אומגעדולדיקע סאָציאַליסטן איז

רייך איז געווען נישט בלויז דאָס גרעסטע אומגליק נאָר אויך די גרעסטע שאַנדע״ אָבער גלייכצייטיק פירט ער אויס אַז דאָס „דריטע רייך״ איז נישט געווען אַ נאָרמאַלער המשך, אַ קאָנטינואַציע פון דער דייטשער געשיכטע, נאָר אַ ווילדער צופאַל וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד, אַ לאַנד פון געטע און בעטהאָווען. טראָצדעם וואָס מײַנעקע האָט געשריבן זיין „די דייטשע קאַטאַסטראָפע״ אין דער צייט ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל אין נירנבערג האָט אויפגעוויזן פאַר דער גאַנצער וועלט די גרויזאַמע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, האָט מײַנעקע מיט קיין איינציק וואָרט נישט דערמאָנט די שקלאַפן אַרבעט, די קאָנצענטראַציע לאַגערן, דאָס מאַסן שיסן, די טויט־פאַבריקן, דאָס דערמאָרדן 5 מיליאָן יידן. פאַר דעם סטודענט וואָס לייענט דאָס דאָזיקע בוך זענען די אַלע שרעקלעכע מעשים נישט פאָרגעקומען. דערביי דאַרף מען דערמאָנען, אַז מײַנעקע איז געווען אַן אַנטיסעמיט, וואָס האָט באַהויפּטעט אַז אין דעם אַנטיסעמיטיזם זענען שולדיק די יידן.

דאָס אַלץ איז מער ווייניקער די שיטה פון דער אַלטער דייטשער גענעראַציע פון היסטאָריקער. פּרוי דאַווידאָוויטש ציטירט אַ דייטש־יידישן משומד פּראָפ. האַנס ראָטהפעלס, וואָס איז נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד. ער האָט אָנגעוויזן זיינע חברים היסטאָריקער אַז זיי זאָלן זיך דיסטאַנצירן פון טענדענצן פון אַראָפּגיי־דעריקן און שעמען זיך. ער האָט זיי געראָטן נישט צו אַטאַקירן און נישט צו פאַרטיידיקן דעם נאַציִשן רעזשים...

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער, אַז אַ נייע גענעראַציע פון דייטשע היסטאָריקער האָט איבערגעריסן די טראַדיציע פון טרייטשקע, ראַנקע און מײַנעקע. פריץ פישער אין זיין בוך „גריף נאָך דער וועלטמאַכט״ ווייזט אויף אַז דער היטלעריזם און דאָס „דריטע רייך״ זענען אַ קאָנטינואַציע פון דער דייטשער אַגרעסיווער פּאָליטיק פון ביסמאַרקן ביז היטלערן, אַן אַגרעסיווע פּאָליטיק פאַר וועלטמאַכט. אַזוי איז עס געווען מיט דער ערשטער וועלט מלחמה און דאָס איז געווען דער ציל פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אין קעגנזאַץ צו דער אַלטער דייטשער טראַדיציע, ברענגט פישער אויך מאַטעריאַלן וועגן יידן און אַנטיסעמיטיזם, אין אַ דיסקוסיע מיט זיינע קעגנער האָט ער געשריבן אַז זיין בוך האָט באַהאַנדלט די ענלעכקייטן צווישן דער ערשטער און צווייטער מלחמה אָבער עס זענען געווען אונטערשידן: „דזשענאָסייד און פאַרשקלאַפונג פון גאַנצע פעלקער זענען געווען עקסקלוזיווע געביטן פון נאַצי דייטשלאַנד״.

אַן אַנדערער היסטאָריקער פון דער יונגער גענעראַציע, קאַרל דיטריך בראַכער גייט אין די זעלבע דרכים. אין זיין בוך „די דייטשע דיקטאַטור״ וואָרנט ער וועגן דעם „פאַטאַלן פעלער״, אַז דייטשלאַנד און די וועלט האָבן אונטערגעשאַצט דעם היטלעריזם און די נאַצי אידעאָלאָגיע פון „מיין קאַמף״: יידן־שנאה, לעבענסראַום און די סופּרעמאַציע פון דעם פירער. בראַכער איז דער ערשטער נישט־יידישער היסטאָריקער וואָס האָט אויסגעשטעלט אַנטיסעמיטיזם און דעם אומקום פון די אייראָפּעיִשע יידן אינעם צענטער פון זיין בוך.

די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועגן די סאָוויעטישע היסטאָריקער, פּוילישע היסטאָריקער, ווי אויך די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר די יידישע היסטאָריקער שטעלן צו אַ זייער רייכן מאַטעריאַל. אין אַלגעמיין איז דער דאָזיקער מאַטעריאַל און די פּראָבלעמען באַקאַנט דעם יידישן לייענער.

★

אין דעם „נאָכוואָרט״ פונעם בוך שרייבט פרוי דאַווידאָוויטש „די מלאכה פון אַ היסטאָריקער פאַרפליכטעט אים צום שטרענגן לייענען פון דאָקומענטן, צו אַ יושרדיקע סעלעקציע פון וואָגיקע דאַטן און אַן ערלעכע באַטראַכטונג. דאָס צווינגט אים זיך צו באַפרייען און פּטור ווערן פון פאָראורטיילן״. „היסטאָרישער אמת״ זענען די ווערטער וואָס איבערחזרן זיך פיל מאָל אין דעם בוך, פאַקטיש איז דאָס די אידייע פון דעם בוך, וואָס אַרגומענטירט, פּאָלעמיזירט און פאַראורטיילט די היסטאָריקער וואָס קאָנען נישט, אָדער ווילן זיך נישט באַפרייען פון פאָראורטיילן ווען זיי באַהאַנדלען אָדער פאַרשווייגן דעם אומקום פון די יידן אין אייראָפּע.

די מעשה איז אָבער וואָס פּראָפ. לוצי דאַווידאָוויטש, וואָס ווייזט אָן מיט אַ באַשולדיקונג פינגער אויף אַנדערע היסטאָריקער איז אַליין נישט פריי פון חטאים אויפן געביט פון „היסטאָרישן אמת״, יושרדיקע סעלעקציע״ א. א. וו. זי ווערט באַשולדיקט, אַז זי זינדיקט אויפן געביט פון „היסטאָרישן אמת״ און „ערלעכע סעלעקציע״, ערלעכע אינטערפּרעטאַציע און ערלעכע באַטראַכטונג און זי טוט עס ביודעים, צילבאַוווּסט. אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון דעם בוך (זייט 12) שטעלט זי פעסט: ...„דאָס נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישע דייטשלאַנד האָט געהאַט נאָך אַ מער ראַדיקאַלן אָביעקטיוו בנוגע די יידן: טאָטאַלע פאַרניכטונג. די מלחמה וואָס היטלער האָט צעפּלאָנטערט אין סעפּטעמבער 1939 האָט באַצוועקט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן אָביעקטיוו...״

די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז אין סתירה מיט דעם היסטאָרישן אמת. פּראָפ. דאַווידאָוויטש איז נישט בכוח צוזשטעלן באַווייזן צו אונטערשטיצן די דאָזיקע פעסטשטעלונג, ווייל פּשוט גערעדט: דאָס איז נישט אמת. אין די ערשטע צוויי יאָר פון דער מלחמה האָבן די דייטשן געשטרעבט פּטור צו ווערן פון די יידן דורך עמיגראַציע. פּראָפעסאָר אַרנאָלד טוינבי אין אַ ראַפּאָרט פאַר דעם ענגלישן פאָרעין אָפיס (פעבר. 1940) האָט פעסטגעשטעלט אַז די יידישע אַמטן אין פּראַג זענען באַאויפטראָגט געוואָרן צוצוגרייטן די עמיגראַציע פון 120 יידן טעגלעך. אין סעפּטעמבער 1940 האָט אייכמאַן אַרגומענטירט קעגן דייטשע טראַנזיט וויזעס פאַר אונגאַרישע יידן, ווייל

זכרון פון דעם לייענער אַן אומפאַרגעסלעך בילד פון אַ ווילדער חיה אין אַ מענטשלעכער צורה, אַ מאָנסטער וואָס האָט באַדראָט די גאַנצע מענטשהייט, נישט בלויז יידן. אַ פּאָר אומפאַרגעסלעכע ביישפּילן פון זיינע „טיש געשפּרעכן”.

וועגן די רוסן: „פאַר זיי דאָס וואָרט „פרייהייט” מיינט דאָס רעכט זיך צו וואַשן אין יום־טוב־טעג. עס איז נאָר פאַראַן איין פליכט: צו גערמאַנירן דאָס לאַנד דורך אימיגראַציע פון דייטשן און אַרויפקוקן אויף די נייטיווס אַלס „רויטהויטיקע”. וועגן די פּאָלאַקן:

„די פּאָלאַקן זענען ספּעציעל געבוירן געוואָרן פאַר שווערער אַרבעט...” ...„דער גענעראַל ־ גוווערנאַמענט דאַרף זיין אויסגענוצט פאַר אונדז בלויז אַלס אַ קוואַל פאַר נישט קוואַליפיצירטע אַרבעט... „די פּוילישע לאַנדבאַזיצער מוזן עקסטערמינירט ווערן”. „עס דאַרף זיין נאָר איין מאַסטער פאַר די פּאָלאַקן — די דייטשן...” „דערפאַר מוזן אַלע רעפּרעזענטאַנטן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ עקסטערמינירט ווערן. דאָס קלינגט אכזריותדיק, אָבער דאָס איז דער עצם פון געזעץ פון לעבן...” „די אויפגאַבע פון דעם פּוילישן גלח איז צו האַלטן די פּאָלאַקן שטיל און פאַרנאַרט... אויב אַ גלח וועט אַנדערש האַנדלען, וועלן מיר אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער...” (זייט 693) וועגן די טשעכן: אַ טייל פון די טשעכן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ „ראַסן־ווערט” וועלן אַסימילירט ווערן, „די אַנדערע העלפט פון טשעכן... מוזן עלימינירט ווערן, אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד מיט אַלע מיטלען און מעטאָדן...” (זייט 694).

וועגן קריסטנטום: „באָלשעוויזם איז קריסטנטומס נישט־לעגיטימע קינד. ביידע זענען די דערפינדונג פון דעם ייד”... „דער גרונד פאַרוואָס די אַלטצייטיקע וועלט איז געווען אַזוי ריין, קלאָר און שלווהדיק איז אַז זי האָט גאָר נישט געוווּסט וועגן די צוויי מכות”. „די פּאָקס און קריסטנטום...” „דער ייד וואָס האָט שווינדלעריש אַריינגעפירט קריסטנטום אין דער אַלטצייטיקער וועלט מיטן ציל זי צו רואינירן, האָט אויפגעעפנט דעם זעלבן אָפּצווייג אין די מאָדערנע צייטן, נעמענדיק אַלס זיין תירוץ די סאָציאַלע פראַגע. פּונקט ווי שאָול איז געוואָרן דער הייליקער פּאָול, אַזוי איז מרדכי געוואָרן קאַרל מאַרקס...” ...„קריסטנטום איז אַ דערפינדונג פון אַ קראַנקן מוח”... „די מלחמה וועט ענדלעך קומען צו אַ סוף. איך וועל דעמאָלט באַטראַכטן אַלס די לעצטע אויפגאַבע פון מיין לעבן צו לייזן דעם רעליגיען פּראָבלעם”... היטלער זעט פאָר אַז אַ טייל קריסטלעכע פירער וועט ער קאָרומפּירן און די אַנדערע „איך וועל זיי אַלע אויסשיסן”...

איבערפלעכלעך האָבן די ציטאַטן און הונדערטער ענלעכע אין דעם בוך נישט קיין דירעקטן שייכות מיטן אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום, אָבער ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם קרייז פון סטודענטן אויף די ענגליש־אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן און דעם ברייטן קרייז פון נישט יידישע לייענער פון דעם דאָזיקן מאָנומענטאַלן בוך פון איינעם פון די באַרימטסטע ענגלישע היסטאָריקער — מוז מען ערלעך קומען צום אויספיר, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער געפאַר וואָס דער נאַציזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט (איינשליסלעך די יידן אין דער גאַנצער וועלט), האָט די דאָקומענטאַציע פון לאָרד בולאַקס ווערק אַ גרעסערע באַדייטונג ווי אַ טוץ ביכער געווידמעט אויסשליסלעך דעם יידישן חורבן. ווייל דאָס בוך איבערצייגט דעם לייענער אַז נישט נאָר די יידן אין דער גאַנצער וועלט האָט דער נאַציזם געמיינט אומצוברענגען, נאָר צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע מענטשהייט. פעלקער און מענטשן וועלן האָבן אַ רעכט צו לעבן נאָר אויב און אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן אַרבעטן ווי שקלאַפן פאַר די דייטשן (...„דאָס וואָרט „פרייהייט” מיינט דאָס רעכט זיך צו וואַשן אין יום־טוב־טעג), ווייל ווען הונדערטער מיליאָנען שקלאַפן פון פראַנקרייך ביז צום אוראַל וועלן אַרבעטן און פּראָדוצירן פאַר דעם טויזנט־יעריקן דריטן רייך, וועט אויך די אַמעריקאַנער פון ניו־יאָרק ביז סאַן־פראַנציסקאָ דערלויבט ווערן זיך צו וואַשן נאָר אין יום־טוב־טעג. — און אַ יעדער לייענער פון לאָרד בולאַקס בוך מוז קומען צום אויספיר, אַז דאָס איז געווען דער אַנטיסעמיטיזם, דאָס רייטן אויפן יידישן פערד וואָס האָט געהאָלפן היטלערן צו פאַרפירן און אָפּנאַרן ברייטע מאַסן נישט נאָר אין דייטשלאַנד נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. דאָס אונטערשטרייכן אַז היטלער און זיין נאַציזם האָבן אידענטיפיצירט קריסטנטום אַלס אַ יידישן שווינדל מיטן ציל צו רואינירן די וועלט און אַז היטלער האָט באַטראַכט דאָס אויסראָטן דעם דאָזיקן שווינדל (דאָס קריסטנטום) אַלס זיין לעצטע לעבנס אויפגאַבע איז אַ קאָלאָסאַלע שטויסקראַפט אין קאַמף קעגן נאַציזם, נעאָנאַציזם און בכלל אַנטיסעמיטיזם. מעגלעך אַז די אַלע רעפערענצן צו יידן און אַנטיסעמיטיזם פאַרנעמען נישט מער ווי 15 זייטן אין אַן 800 זייטיקן בוך, אָבער אין די עטלעכע 50 רעפערענצן ווערן היסטאָריש דאָקומענטירט דאָס שליסן די פרייע פּראָפעסיעס און באַזייטיקן יידן פון אַמטן אין דער געזעצגעבונג פון אַפּריל און יולי 1933. דער ערשטער פּאָגראָם אין הירשבערג (שלעזן) אַ גרופּע יידן דערהרגעט, די נירענבערגער געזעצן, די קריסטאַל־נאַכט, די אַקציעס, דעפּאָרטאַציעס, מאַסן־שיסן, מאַסן־עקסטערמינאַציעס.

אין דעם דריטן טייל פון דעם בוך באַהאַנדלט לוצי דאַווידאָוויטש די דייטשע היסטאָריקער, זייער צוגאַנג אין באַלייכטן דעם נאַצי פּעריאָד און אַנטיסעמיטיזם. פאַר דעם יידישן לייענער איז דאָס דער אינטערעסאַנטסטער טייל פון איר בוך. פרוי דאַווידאָוויטש באַקענט דעם לייענער מיט דער טראַדיציע און מעטאָדן פון די דייטשע היסטאָריקער.

פרידריך מיינעקע, דייטשלאַנדס באַרימטסטער היסטאָריקער פּערזאָניפיצירט די דייטשע היסטאָריאָגראַפיע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין 1946 האָט דער 84־יעריקער נעסטאָר פון דער דייטשער היסטאָריאָגראַפיע אין זיין בוך „די דייטשע קאַטאַסטראָפע” געשריבן: „דאָס דריטע

סטימולירן די נייע גענעראַציע פון היסטאָריקער צו אָפּגעבן דעם אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום דעם געהעריקן פּלאַץ אין דער היינטצייטיקער געשיכטע.

נישט סתם א רעצענזיע איז דער שרייבער פון די שורות אויסן. די אָנרעגונג צו באַהאַנדלען דאָס בוך איז געקומען צוליב דעם, וואָס לוצי דאַווידאָוויטש ווערט באַשולדיקט מיט עבֿרות אין וועלכע זי באַשולדיקט אַנדערע היסטאָריקער.

אָבער היות דער אינהאַלט פון דעם בוך איז אַ גאָר וויכטיקער בײַשטייער צו דער היסטאָריאָגראַפיע פון דער חורבן ליטעראַטור, וועל איך צוערשט פּרוּוון באַקענען דעם לייענער מיט די הויפּט געדאַנקען און אַרגומענטן וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם בוך.

די טעקסט ביכער פאַר געוויסע מיטל שולן און אוניווערסיטעטן דערמאָנען איבערהויפּט נישט די טעמע, בעת אַנדערע דערמאָנען די טעמע אַזוי נעפּלדיק אַז די טרויעריקע געשעענישן און זייער היסטאָרישע וואָגיקייט ווערט אין גאַנצן פאַרלוירן.

למשל דזשעפרעי באַראַקלאָפס טעקסט בוך „די אָרידזשינס אָף מאָדערן דזשערמאַני”, וואָס האָט געדינט די סטודענטן פון ענגלישע און אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן פאַר די לעצטע 25 ־ 30 יאָר דערמאָנט איבערהויפּט נישט די יידן אָדער אַנטיסעמיטיזם. די יידן אָדער יידנפראַגע עקזיסטירן נישט אין דעם טעקסט בוך, מילא וואָס שייך די סטודענטן, האָבן יידן, אַנטיסעמיטיזם, נישט עקזיסטירט אין דייטשלאַנד. אמת, אינעם לעצטן קאַפּיטל דערמאָנט דער מחבר די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע „פאַרסמטע ראַסן־דאָקטרינען”, אָבער דער ענין ווערט אַפילו נישט אויפגעקלערט.

לוצי דאַווידאָוויטש פאָדערט פון היסטאָריקער, אַז ווי קאָמפּאַקט עס זאָל נישט זיין די געשיכטע פון חורבן, דאַרף זי באַשטיין פון דריי פונדאַמענטאַלע טיילן: 1) אַנטפּלעקן ווי אַזוי און דורך וועמען איז דאָס אייראָפּעאישע יידנטום אומגעקומען. 2) אַן אויפקלערונג פאַרוואָס זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן, מיט א רעפערענץ צו דער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם. 3) א פאַסיקער באַריכט פון זייער געשיכטע איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. לוצי דאַווידאָוויטש באַשולדיקט נישט די פּראָמינענטע פּראָפעסאָרן פון געשיכטע אין אַמעריקע און ענגלאַנד, אַז זיי זענען אַנטיסעמיטן און דערפאַר ווילן זיי פאַרטושן די שרעקלעכע מעשים פון היטלער־דייטשלאַנד. די סיבות פון זייער איגנאָרירן דעם אומקום פון אייראָפּעאישן יידנטום זענען א קאָמבינאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע און פּערזענלעכע פאַקטאָרן.

די אַמעריקאַנער און ענגלישע היסטאָריקער, וואָס זייער געביט איז דייטשע געשיכטע, האָבן לאַנגע יאָרן שטודירט אין דייטשלאַנד, עס האָט זיך ביי זיי פאָרמירט א צוגעבונדנקייט צום לאַנד און פאָלק, שפּראַך און ליטעראַטור. פאַר דער עלטער גענעראַציע פון היסטאָריקער איז דייטשלאַנד געווען דאָס הימלאַנד פון מאָדערנער היסטאָריאָגראַפיע, זיי קענען זיך נישט באַפרייען פון דער השפּעה פון אַזעלכע באַרימטע ריזן ווי הומבאָלט, ראַנקע און מיינעקע. דאָס דריקט זיך אויס אין דער סעלעקציע פון פאַסירונגען, אָדער ווי מיט פּראָפעסאָר באַראַקלאָפס טעקסטבוך, וואָס נעמט אַן אַזאַ לאַנגע פּערספּעקטיוו אין דער דייטשער געשיכטע, אַז דער נאַצי פּעריאָד ווערט איינגעשרומפּן ביז כמעט נישטיקייט.

די פּראָפעסיאָנעלע סיבות באַשטייען אין דעם, אַז טראַדיציאָנעל זענען די אַמעריקאַנער און ענגלישע היסטאָריקער נישט געווינט צו באַהאַנדלען אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטישע השפּעה. אַזעלכע באַגריפן ווי „וועלטאנשויאונג” זענען אין אַלגעמיין פרעמד פאַר דעם אַקאַדעמישן היסטאָריקער. אַנטיסעמיטיזם איז אַן איראַציאָנאַלער פענאָמען. דער אַנגלאָ־סאַקסישער היסטאָריקער באַמיט זיך אויסצומיידן די דאָזיקע טעמע.

ווי וויט יידן און יידישע געשיכטע זענען „נאָן פּערסאָנס” און „נאָן סאַבדזשעקטס” דריקט זיך אויס דראַמאַטיש אין דעם נישט דערמאָנען יידן אָדער יידישע געשיכטע אין דער סעריע „היסטאָרי” (אַ ווערק באַשטעלט און אַרויסגעגעבן דורכן פּרינסטאָן אוניווערסיטעט). יעדע אַרט געשיכטע ווערט באַאַרבעט אין דעם ווערק: פון אַגריקולטור געשיכטע ביז צו איסלאַמישער געשיכטע, נאָר דער נאָמען ייד ווערט דאָרט נישט דערמאָנט.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאָ האָבן מיר שוין א ביישפּיל אַז נישט נאָר דער חורבן פון אייראָפּעאישן פאָלק ווערט פאַרשוויגן נאָר דאָס גאַנצע פאָלק פון אברהם אבינו ביזן היינטיקן טאָג ווערט איגנאָרירט.

פרוי דאַווידאָוויטש, וואָס ציטירט די פּרינסטאָן „היסטאָרי” קלערט לידער נישט אויף די סיבה פון אַבסאָלוטן אויסמיידן די גאַנצע יידישע געשיכטע. איר באַגרינדונג אַז דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער פילט אַן „אַווערזיאָן”, אַן עקל צום אַנטיסעמיטישן פענאָמען פאַרענטפערט נישט דאָס אויסמיידן די יידישע געשיכטע בכלל.

אין דעם קאַפּיטל „די בריטישע פּערספּעקטיווע” דריקט פרוי דאַווידאָוויטש אויס איר פאַרוואונדערונג וועגן דער מינימאַלער אויפמערקזאַמקייט וואָס ווערט געשענקט דעם דייטשן אַנטיסעמיטיזם. זי אַטאַקירט אַלען בולאַק, וואָס אין זיין ביאָגראַפיע וועגן היטלערן, פון 800 זייטן, ווידמעט ער קוים 50 רעפערענצן וואָס נעמען אַרום נישט מער ווי 15 זייטן, דעם דייטשן אַנטיסעמיטיזם, טראָצדעם וואָס לאָרד בולאַק שטעלט אַליין פעסט, אַז „פונעם אָנהייב ביז צום סוף איז היטלערס אַנטיסעמיטיזם איינס פון די הויפּט קאָנסעקווענטע טעמעס פון זיין קאַריערע, די גאָר הויפּט אידייע, וואָס נעמט אַרום דעם גאַנצן שפּאַן פון זיין דענקען”.

דאָס קריטיקירן לאָרד בולאַק, אַז נאָר 15 זייטן האָט ער געווידמעט דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם אומקום פון די יידן איז אומבאַרעכטיקט, ממש אַן עוולה, וואָס ברענגט נישט קיין כבוד פאַר פרוי דאַווידאָוויטש.

אַלען בולאַקס ביאָגראַפיע פון היטלערן איז געשריבן אַלס א שטודיום וועגן טיראַניע. דאָס בוך קריצט איין אין

ד״ר מ. פּערשטענדיק

# „דער האָלאָקאָוסט און די היסטאָריקער״

אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען, אַז געשיכטע איז אַ באַריכט וועגן דעם וואָס האָט פּאַסירט אין דער פאַר־גאַנגענהייט. מיט אַזעלכע ענינים פאַרנעמט זיך אַ צווייג פון אַלגעמיינער וויסנשאַפט וואָס רעקאָרדירט, אַנאַליזירט, קאָאָרדינירט און קלערט אויף געשעענישן פון דער פאַר־גאַנגענהייט. דאָס איז מער ווייניקער די דעפיניציע פון דעם באַגריף „געשיכטע״ אין כמעט אַלע ווערטער ביכער.

די דעפיניציע זעט אויס צו זיין אַזוי איינפאַך, אַזוי אומשולדיק, אַז אין אמתן וואָלטן מיר באַדאַרפט האָבן איין וועלט־געשיכטע, די זעלבע אין פאַרשידענע שפּראַכן.

דער אמת איז אָבער, אַז דער ענין פון שרייבן גע־שיכטע איז זייער קאָמפּליצירט ווייל אין אַלגעמיין איז דער געשיכטע ־ שרייבער, דער היסטאָריקער אויך א פילאָסאָף אָדער לכל־הפחות א מענטש מיט געוויסע אי־דייען וועגן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. ער באַמיט זיך אויסצוטייטשן די געשעענישן אין דער פאַרגאַנגענהייט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן זיך אַריינפּאַסן אין זיין פי־לאָסאָפיע אָדער אידייע וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּאַסירונגען, וואָס רעפלעקטירן דעם גאַנג פון דער גע־שיכטע. היות געוויסע פּאַסירונגען שטייען אין סתירה מיט דעם היסטאָריקערס אידייע וועגן „גאַנג פון געשיכ־טע״ באַמיט זיך דער היסטאָריקער אויסצומיידן אַזעלכע געשעענישן. ער נעמט זיי פּשוט נישט אַריין אין זיין סע־לעקציע פון פּאַסירונגען, אָדער ער באַנוצט זיך מיט האַלבע אמתן, וואָס שאַפן אַ שקרדיק בילד אויף וועלכן ער בויט זיין אויפקלערונג. אויף דעם געביט זינדיקן ספּעציעל היסטאָריקער ווען אין קאָן שטייט דער כבוד און די אינטערעסן פון זיין פאָלק.

נעמט למשל די געשיכטע פון אוקראַינישן פאָלק און פּרוווט דאָרט געפינען אַ רעקאָרד פון די כמיעלניצקי פּאָגראָמען פון שנת ת״ח ות״ט. היות זייערע היסטאָרי־קער האָבן אין זייער סעלעקציע פון פּאַסירונגען נישט אַריינגענומען די שחיטות פון די יידישע קהילות, זענען אַזעלכע שחיטות נישט פאָרגעקומען. כמיעלניצקי איז א נאַציאָנאַלער העלד, וואָס האָט געקעמפט קעגן די פּוי־לישע פּעדאַלע פּריצים.

לוצי דאַווידאָוויטש, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט איר בוך „די וואָר עגעינסט די דזשוס״ (די מלחמה קעגן די יידן) האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אויפצוקלערן די היסטאָריאָגראַפישע מיסטעריע. פאַרוואָס ווערט דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום איגנאָרירט אָדער טריי־וויאַליזירט ביי די היסטאָריקער אין דער גאַנצער וועלט? פּראָוי דאַווידאָוויטש אַרגומענטירט, אויב דער חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום וועט נישט אינטעגרירט ווערן אין די נייצייטיקע אייראָפּעאישע לימודים וועט די געשיכטע פון דער פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן פאַרלוירן גיין פאַר דער איצטיקייט און פאַר דער צוקונפט, אַזוי ווי די דערמאָרדעטע יידן זענען פאַרלוירן געגאַנגען. אין דעם בוך „די האָלאָוקאָסט ענד די היסטאָריענס״ באַהאַנדלט פּראָוי דאַווידאָוויטש די היינטצייטיקע געשיכטע־ליטעראַטור פון די פּראָמינענטסטע היסטאָריקער אין אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, סאָוויעט־רוסלאַנד, פּוילן ווי אויך די פּראָב־לעמען וואָס שטייען פאַר די יידישע היסטאָריקער.

זי קלערט אויף פאַרוואָס די היינטצייטיקע היסטאָ־ריקער איגנאָרירן אַ טעמע, וואָס, אין אַנדערע אינטעלעק־טועלע קרייזן, האָט אָנגערעגט פונדאַמענטאַלע פראַגן וועגן דער מערבדיקער ציוויליזאַציע און דער קריסטלעכער מאָ־ראַליטעט.

„די האָלאָקאָוסט ענד די היסטאָריענס״ איז נישט געשריבן אין דער פאָרם פון א „פּאָפּולער״ בוך פאַר ברייטע מאַסן. אין איר בוך רעכנט זיך פּראָפעסאָר דאַווי־דאָוויטש אָפּ מיט די פּראָפעסאָרן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד א. ד. ג. זי באַשולדיקט זיי אין איגנאָרירן דעם חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום אין זייערע טעקסט ביכער פאַר געשיכטע, ממילא באַצוועקט דאָס בוך צו

ער איז א מענטש פון פאָלק, און דעם פאָלקס צער האָט מען נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון אים.

„די פאַראַכטונג פאַר מענטשלעכן לעבן, וועלכע די מיליטערישע אָנפירערשאַפט אונטער סטאַלינען האָט אַרויסגעוויזן, איז געווען די דעצידירנדיקע אויפטרייס־לונג פאַר אים״.

וואַלאַסאָוו איז אַלזאָ געווען אַ קאָמוניסט — פּונקט ווי די אַלע גענעראַלן וועלכע מען האָט אויפגעהאָנגען. (דאַרף מען באַמערקן אַז אויך די ראָזענבערגס זענען גע־ווען קאָמוניסטן און פאַררעטער).

★

40 יאָר נאָך יאַלטאַ — מען האָט אויך דאַן באַשלאָסן צו שאַפן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער — לײדער, געפינט זיך היינט די וועלט אין דער זעלבער שפּאַנונג, ווי ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער היטלעריסטישער שותף האָט טאַקע פאַרראַטן, אָבער דער אַפּעטיט צו באַהערשן די וועלט איז מיט דעם נישט פאַרגאַנגען — טראָץ די 25 מיליאָן סאָוויעטישע קרבנות.

דערפאַר האָט דער מערב מורא. דערפאַר, די קאָלאָ־סאַלע באַוואָפענונג, כדי זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אָט דעם אַפּעטיט.

נאָכן זיג איבערן נאַציזם איז נאָך אַלץ די מערב־וועלט באַאומרואיקט וועגן איר גורל.

און ווער קאָן זי באַשולדיקן דערפאַר?

מ. אַ.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע: "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia

פעברואַר־מערץ 1985 נומער 1 (45) מעלבורן, אויסטראַליע


## 40 יאָר נאָך יאַלטאַ

אין חודש מאַי וועלן די פאַרבינדעטע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קעגן נאַצי־דייטשלאַנד (רוסלאַנד, אַמעריקע, ענגלאַנד) פייערן דעם 40־טן יאָרטאָג פון נצחון.

אין פעברואַר 1985 איז געוואָרן 40 יאָר נאָך דער קרימער קאָנפערענץ — אין יאַלטאַ. (4־טן ביזן 11־טן פעברואַר 1945). אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן רוזוועלט און טשערטשיל מסכים געווען איבערצוגעבן אונטערן סאָוויעטישן איינפלוס די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע — די זעלבע פעלקער וועלכע האָבן אין משך פון דער מלחמה געליטן אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע. פאַר די דאָזיקע פעלקער וועט די יאַלטאַ דעקלאַראַציע (11־טער פעברואַר 1945) זיין דער 40־טער טרויער־טאָג פון זייער פאַרשקלאַפונג, פאַר וועלכער סיי רוזוועלט און סיי טשערטשיל טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. (עטלעכע טעג פריער — 30 יאַנואַר ביזן 2־טן פעברואַר האָבן זיי זיך געטראָפן אין מאַלטאַ און אויסגעאַרבעט א געמיינזאַמע שטעלונג).

אין די פייערונגען (ספּעציעל אין סאָוויעט רוסלאַנד) וועט מען אויסמיידן צו דערמאָנען די ציניש האַנדלונג פון פאַנאַנדערטיילן זיך מיט פוילן צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד און איבערגעבן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט קרוב 2 מיליאָן פוילישע יידן. (סאָוויעט־רוסלאַנד האָט געראַטעוועט יידן . . .)

מיט היטלערס הסכמה האָט רוסלאַנד פאַרכאַפּט די באַלטישע לענדער.

דאָס איז פאַקטיש געווען דער סיגנאַל אָנצוהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. פון אַ שותף צום רויב — איז רוסלאַנד געוואָרן לסוף דער קרבן.

מען וועט אויך נישט דערמאָנען דעם גורל פון די מיליאָנען סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

מיליאָנען זעלנער, וועלכע סטאַלין האָט געלאָזן אויף הפקר, ווייל רוסלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם זשענעווער אָפּמאַך פון רויטן קרייץ וועגן דער באַהאַנדלונג פון קריגס־געפאַנגענע.

וואַרשיינלעך וואָלטן די נאַציס סיי ווי איגנאָרירט אָט דעם אָפּמאַך. דאָס באַפרייט אָבער נישט די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער פון דער מאָראַלישער שולד לגבי אייגענע זעלנער.

מען וועט אויך נישט דערמאָנען, אַז אייך מיליאָן סאָוויעטישע זעלנער האָבן פרייוויליק געקעמפט אין די רייען פון דערווערמאַכט, אַזוי שטאַרק איז ביי די רוסישע מענטשן געווען דער האַס צום סטאַלין־רעזשים.

(יורגען טהאָרנוואַלד: „די אילוזיע — סאָוויעטישע זעלנער אין היטלערס אַרמייען").

מען וועט געוויס נישט ציטירן די „פּראַוודאַ" פון אויגוסט 1946, ווו עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פאָלגנדיקער קאָמוניקאַט:

„דער מיליטערישער טריבונאַל פון העכסטן געריכט פון פ.ס.ס.ר. האָט באַהאַנדלט דעם ענין קעגן: א. א. וולאַסאָוו; וו. מאַלישקין; ג. נ. זשילענקאָוו; י. טרוקין; ד. י. בלאַגאָוויעשטשענסקי; וו. י. מעאַנדראָוו; וו. י. מאַליטסעוו; ס. ק. בוטיטשענקאָ; ג. א. זוויערעוו; וו. צ. קאַרבוקאָוו און נ. ס. שאַטאָוו".

מיר ברענגען בלויז די נעמען פון סאָוויעטישע גענעראַלן און פאָלקאָווניקעס, וועלכע מען האָט, לויטן זעלבן קאָמוניקאַט, (עס ווערן אויסגערעכנט אַלע פּאַראַגראַפן פון שטראָף קאָדעקס) שפּעטער אויפגעהאָנגען.

קאָן זיך נאָך אין ארמיי אין דער וועלט „גרויסן" מיט אַזאַ צאָל אָנגעזעענע גענעראַלן פון לופט־פלאָט; טאַנק אָפּטיילונגען און אינפאַנטעריע, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין קאַמף קעגן זייערע ברידער מיטן ציל צו באַפרייען רוסלאַנד פון באָלשעוויזם?

פאַר אונדז יידן איז דער נאָמען וולאַסאָוו און וולאַסאָווצעס פאַרבונדן מיט יידן־מאָרד; מיט מיטאַרבעט מיטן שונא; מיט פאַרראַט. נאַטירלעך וועט מען נישט דערמאָנען אַז וולאַסאָוו איז געווען פון די גענעראַלן, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט מאָסקווע אין די גורלדיקע טעג, און אַז ער איז פערזענלעך דעקאָרירט געוואָרן דורך סטאַלינען.

עס איז נויטיק צו ברענגען א ציטאַט פון א באַריכט, וועלכן אַ הויכער דייטשער אָפיציר, דירסקען, האָט צוגעשטעלט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך דעם 7־טן סעפּטעמבער 1942 געטראָפן מיט וולאַסאָוון:

„וולאַסאָוו האָט אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז אַן איבערציגטער באָלשעוויק, און אַז ער קאָן זיך נישט באַקלאָגן אויפן וועג וואָס ער האָט אויסגעקליבן און וואָס ס'האָט אים דערפירט צו זיין הויכער ראַנגע.

„נאָך שאַרפער האָט ער אָבער אונטערגעשטראָכן, אַז

# Jewish Cultural Centre and National Library "KADIMAH"

7 Selwyn Street, Elsternwick 3185
Telephone 523 9817

Dear Sir/Madam,

I have the honour, by direction of the Board of Directors of the "Kadimah", to request your attendance at the

## 73rd ANNUAL GENERAL MEETING

of the above Society, to be held on Sunday, 31st March 1985 at 8 p.m. sharp, in the new "Kadimah" building, 7 Selwyn Street, Elsternwick.

Yours faithfully
M. AJZENBUD
Hon. Secretary

BUSINESS:

1. Confirmation of Minutes of the previous Annual Meeting.
2. Reception and Adoption of Annual Report and Balance Sheet.
3. That the recommendation by the Directors to increase the annual Membership-Subsc. as from 1986 to $15.00 per couple and $10.00 per single member be approved.
4. Election of Board of Management.
5. Any other business that may occur.

NOTE: Written nominations for Directors of the Board of Management should be lodged at the office of the "Kadimah", 7 Selwyn Street, Elsternwick, not later than Wednesday, 27th March 1985 by 5 p.m.

M. AJZENBUD
Hon. Secretary

# ייִדישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

7 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק, טעל. 523 9817

חשובער פריינד,

לויט די אינסטרוקציעס פון קאָמיטעט האָב איך דעם כּבוד צו פאַרבעטן אייך

אויף דער 73-טער

## יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג

פון „קדימה"

די פאַרזאַמלונג קומט פאָר זונטיק, דעם 31־טן מערץ 1985, 8 אָוונט, אין לעאָ פינק־זאַל פון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטערנוויק.

מיט דרך־ארץ
מ. אייזענבוד
ערן־סעקרעטאַר

טאָג־אָרדנונג:

1) איבערלייענען און באַשטעטיקן דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג;
2) באַשטעטיקן דעם יערלעכן באַריכט פון די געלט־רעכענונגען;
3) באַשטעטיקן די רעקאָמענדאַציע פון קאָמיטעט צו העכערן דעם מיטגלידס־אָפּצאָל: 15 דאָלאַר פאַר אַ פּאָרפּאָלק; 10 דאָלאַר פאַר אַן איינצלנע פערזאָן;
4) אויסוויילן אַ נייעם קאָמיטעט;
5) אַנדערע ענינים וואָס וועלן עווענטועל אַרויסגעבראַכט ווערן.

באַמערקונג:

שריפטלעכע נאָמינאַציעס פון קאַנדידאַטן צום קאָמיטעט דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אין סעקרעטאַריאַט פון „קדימה", 7 סעלווין גאַס, עלסטענוויק, נישט שפּעטער ווי ביז מיטוואָך, דעם 27־טן מערץ 1985, 5 נאָך מיטאָג.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — 40 יאָר נאָך יאַלטאַ . . . . . . . . . . . 1

ד"ר מ. פערשטענדיק — „דער האָלאָקאָוסט און די היסטאָריקער" . . . 2

שלום ג. — סתם געריידט... . . . . . . . . . . . 6

חיים קעניגער — אין וואַלד (ליד) . . . . . . . . . . . 7

דאָראַ שטראַוך — יאָרן לויפֿן (ליד) . . . . . . . . . . . 7

הערשל באַכראַך — „וועגן בלוט און האָפענונג" — פון סעם פּיסאַר אין יידיש . . . . . . . . . . . 8

מ. אייזענבוד — שטילע געזאַנגען (רעצענזיע) . . . . . . . . . 11

יעקב ראָזענבערג — אַ מענטש צו אַ מענטש (ליד) . . . . . . . . 11

י. מ. לעווין — שמאָכע (דערציילונג) . . . . . . . . . . 12

מגר. בן־ציון פעלדשוה — דער רמב"ם . . . . . . . . . . 14

מ. אייזענבוד — באַגעגעניש (קאַפּיטל פון דער נאָוועלע „פנינה") . . 16

בן־ציון פּאַטקין ע"ה — פון מאָסקווע ביז נס־ציונה (בלעטלעך פון אַ טאָג־בוך. פון העברעאישן אָריגינאַל: ה. באַכראַך) . . . 19

73טער „קדימה"־באַריכט . . . . . . . . . 24


פרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 1 (45) פעברואַר־מערץ 1985